№ 19 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
Częstochowa, Aleja 6. Telefon 201.
עדיטאָר און אַדמיניסטראַציע: ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

Piątek d. 11 maja 1934 | ליכט-צינדען 7. | פרייטאג פ׳ בהר ובחוקותי כ"ו אייר תרצ"ד.

Bibl. M. ...ellowska
...aków
...my 19

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

בערעק יאַסעלעוויטש 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)

אונטער דער ליטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון

דער כעמישער אינדוסטרי-שולע אין ווארשא

100 פּראָצ. גאַראַנטיע פאַר גוטער אויספיהרונג.

דאַנקזאַגונג.

דעם הארציגסטען דאַנק דריקען מיר אויס דעם חשובן ד"ר יוליאַן ליפּינסקי פאַר זיין אָפּפערוויליגער בעמיהונג בעת דער קראַנקהייט פון אונזער זוהן, וועלכען ער האט פולשטענדיג אויסקורירט פון זיין שווערער קאָמפּליצירטער קראַנקהייט,

זאָל ער האָבען ערפאָלג אין זיין ווייטערדיגער פּראַקטיק.

א. ווינער און פרוי.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w. Opłata za lekcje przystępna

שבת 12 מאי 8 אָוונט פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדען שבת אָוונט. לעצטע מוזיק-שלאַגערס. ביליגע פּרייזען.

אין אַסטראָוו

אין דער ווילע בערלינערבלוי געפינען זיך צו פּערדינגען ערשט-קלאַסיגע זומער-וואוינונגען פריש רעמאָנטירט: צימערן מיט קוכען און צו 2 צימערן מיט קוכען מיט ווערענדעס.

ווענדען זיך צו ה׳ וואַרשאַווסקי, אַלעע 4.

די וועלט-בארימטסטע דאָקטוירים האָבען פעסטגעשטעלט, אַז 75 % קראַנקהייטן אַנטשטייען צוליב אָבסטרוקציע.

א קראַנקער מאָגן איז די וויכטיקסטע סיבה פון אַנטשטיין פון קראַנקהייטן, — פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-ווערקסלונג

ZIOŁA Z GÓR HARCU
D-ra LAUERA

ווי עס האָבן פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָקטוירים. זענען אַן אידעאַל מיטל פאַר נערווס מאָכן דעם מאָגן, באַזייטיקן אָבסטרוקציע. זענען א לייכט רייניקונג-מיטל. פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די פאַרדייאונג-אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפּעטיט.

ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA

באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער. העמאָרידן-ליידן, רעומאַטיזם, און אַרטעריעס.

די פּרייז פון א שאַכטל 1.50 זל.;

א דאָפּעלט-שאַכטל 2.50 זל.

צו באַקומען אין אַפּטייקן און אַפּטייק-סקלאַדן.

Świeżą krowianką

szczepi ospę ochronną

st. felczer St. Mittler

Piłsudskiego 7, tel. 18-04.

JECIA JOSKOWICZÓWNA **ZYGMUNT GLEWICKI**

zaręczeni.

Częstochowa, w kwietniu 1934 r.

צו דער תנאי׳ם פון ה׳ זיגמונט גלעוויצקי מיט פרל. יעטשע יאָסקאָוויטש ווינשען א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט.

עקיבא בראַנדעס און פרוי.

Anka Glewicka **Meniek Feldman**

zaręczeni.

Częstochowa, w kwietniu 1934 r.

צו די תנאים׳ס פון פרל. אַנקאַ גלעוויצקאַ מיט ה׳ מעניעק פעלדמאַן און ה׳ זיגמונט גלעוויצקי מיט פרל. יעטשאַ יאָסקאָוויטש ווינשט א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט, און די עלטערן פיעל נחת.

ב. קיפּמאַן און פאַמיליע.

צו די תנאים׳ס פון פרל. אַנקאַ גלעוויצקאַ מיט ה׳ מעניעק פעלדמאַן און ה׳ זיגמונט גלעוויצקי מיט פרל. יעטשאַ יאָסקאָוויטש

אונזער הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

די עלטערן ווינשען מיר פיעל נחת.

פאַמיליע וולאָדאַווסקי.

Koleżance ANCE GLEWICKIEJ z intencji zaręczyn z p. MEŃKIEM FELDMANEM, oraz p. ZYGMUNTOWI GLEWICKIEMU z intencji zaręczyn z p. JECIĄ JOSKOWICZÓWNĄ, życzymy wiele szczęścia, a rodzicom — pociechy.

Maurycowie Hirszberg.

מזל טוב צו דער תנאים פון פרל. אַנקאַ גלעוויצקאַ מיט ה׳ מעניעק פעלדמאַן.

זאָל זייער צוקונפט זיין פערבינדען מיט גליק און צופרידענהייט.

עקיבא בראַנדעס און פרוי.

Z intencji zaręczyn współpracownika naszego p. HENRYKA CWAJGLA z p. HELĄ KLAJNBERG z Sosnowca,

życzymy dużo szczęścia

Sz. Orbach z Żoną

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער יהודה לייב זלאָטניק מיט פרל. רחל פרישמאַן אונזערע הארציגסטע ברכות און אייביגע צופרידענהייט ווינשען

עלטערן און געשוויסטער.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אז מיר קענען דיספּאָנירען מיט א געוויסער צאָהל פּלעצער אין

טשעכאָטשינעק אויף דער קאָלאָניע „צענטאָס"

פאַר קינדער ביז 14 יאָהר.

דער אָבצאָהל פאַר פולער כשר׳ער אויסהאַלטונג צוזאַמען מיט דער קוראַציע און רייזע-קאָסטען בעטרעפט 115 זל.

איינשרייבונגען נעמט אָן ביז׳ן 25 מאַי די קאַנצעלאַריע פון „דאָבראָטשינ-נאָשטש" אין יודישען שפּיטאָל אין זאַוואַדזיע.

פערקויף!

פערשידענע קאַמגאַרנס און קאָרטענ

אויף אַנציגער, פּאַלטאָנס פאַר מענער און דאַמען ווי אויך רעשטען און ראַמש צו זעהר ביליגע פרייזען ביי

י. יעבץ טשענסטאָכאָוו, אַגראָדאָוואַ № 10

פראָנט, 1-טער שטאָק.

Sobota 12.V 9 wiecz. Dąbrowskiego 7 — **Sobota 12.V 9 wiecz.** Dąbrowskiego 7

ZAPRASZAMY

NA UROCZYSTE ZAMKNIĘCIE
WIELKIEGO KIERMASZU WIOSENNEGO

wszystkich naszych przyjaciół, którzy tyle życzliwości okazywali urządzonej przez nas imprezie.

Przemówienia okolicznościowe wygłoszą pp.:

M. Neufeld, F. Szpiro i J. Sack,

poczem zabawa i tańce do rana.

Komitet Kiermaszu.

Pensjonat R. Frenklowej
BYSTRA k. Białej

Willa „Sielanka"

די ווילע „שעלאַנקאַ" איז קאָמפאָרטפול איינגעאָרדענט

(טעלעפאָן, ראַדיאָ א. ז. וו.)

געשמאַקע און גענוגענדע שפּייזען. מעסיגע פרייזען.

צו דער אויפמערקזאַמקייט!

עס ווערט בעקאַנט געמאכט די געעהרטע קונדשאַפט, דאס דעם לאַנגיעהריגען

שלאָסער = וואַרשטאַט

פון

בערל באַלזאַם, טאַרגאָוואַ 17

האָב איך איבערגענומען, וואו עס ווערען ווייטער אָנגענומען אַלעראַרט שלאָסער-אַרבייטען און ווערען אויסגעפּערטיגט, ווי ביז-יעצט, רעעל, פּונקטליך און צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

מיט אכטונג

ישעיהו באַלזאַם, טאַרגאָוואַ 17.

דאַנקזאַגונג.

די ה"ה דאָקטוירים: וויינבוים, גרונוואַלד, פאַר דער זאָרגפעלטיגער און עהרליכער אויפזיכט בעת דער קראַנקהייט און אַלע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, און הויפּטזעכליך דעם „דאָבראָטשינגאָשטש" מיט ד"ר באַטאַוויאַ אין דער שפּיץ, פּאַטראָנאַט פון די אָכראָנקעס און עלטערן-קאָמיטעט פון די דאָזיגע אָפּראָנקעס, וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר

נ. ע.

העלענאַ ווירזשביצקאַ

דריקט אויס דעם איינציגסטען דאַנק

די פאַמיליע.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט אין אונזער שטאָדט בעוויינען מיר דעם טויט פון דער זעהר געאַכטעטער געזעלשאַפטליכער טהוערין

נ"ע העלענאַ ווירזשביצקאַ.

אין דער פערשטאָרבענער האָבען מיר פערלוירען א טרייע איבערגעגעבענע מוטער פון אונזערע קינדערלעך.

עהרע איהר אנדענקען.

עלטערן-קאָמיטעט ביי דער אָכראָנקע פון „דאָבראָטשינגאָשטש".

צעוויטאַגט פון צער צוליעב׳ן טויט פון אונזער הארציגער פריינדין און בעליעבטע שכנ׳טע

נ"ע העלענאַ ווירזשביצקאַ

דריקען מיר אויס דער פאַמיליע ווירזשביצקי, פרוי הערץ, ווי אויך פרוי אינגזש. בזשעזשינסקאַ אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

קלמן רייכער, פרוי און קינדער.

Dnia 5-go maja 1934 r po długich i ciężkich cierpieniach zmarła

HELENA WIERZBICKA

W zmarłej tracimy wieloletnią niestrudzoną działaczkę na niwie społecznej i filantropijnej, całem sercem oddaną ubogim dzieciom, Opiekunkę Ochron i Kolonji Letnich, Której pamięć dla nas wieczną będzie.

Cześć Jej pamięci!

Zarząd Tow. Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie i Sekcja, Patronat Ochron.

מען טאָר מעהר נישט שווייגען!

די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פּוילען האָט אויסגעהויבען דעם קאָפּ און מאַרשירט חוצפּה'דיג געגען דער יודישער בעפעלקערונג.

אַמאָל, אין די אַלטע צייטען בעת דער רוסישער אָקופּאַציע האָבען די יודען-פרעסער זיך בעגנוגענט מיט פּראָקלאַמירען א באָיקאָט געגען דעם יודישען סוחר; דער יוד איז אָבער געווען זיכער מיט'ן לעבען. מען האָט נישט געהרגעט, אַז דאָ און דאָרט זאָל מען צושלאָגען יודען, אונטערצינדען זייער האָב און גוטס און מיט אזא ראַפינירקייט וועלען אויסראָטען דעם יודישען כלל אין פּוילען.

די דאָזיגע [illegible] ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר שטאַרקער און געפעהרליכער און עס דראָהט א גרויסע סכנה [illegible] געשעהענישען, וואָס וועלען זיך [illegible] אויף אונזער לעבען, אויף אונזער גאַנצער עקזיסטענץ.

דער אַנטיסעמיטישער סם איז יעצט געוואָרען א מאַסען-אַרטיקעל און פאַרכאַפּט אַלץ מעהר די נישט-יודישע גאַס. [illegible] טויזענדער יודישע פאַמיליעס ווערען צוליבע דער אַנטי-יודישער העצע, וואָס ווערט [illegible] דורך פלאַקאַטען, צייטונגען און דורך מינדליכער אַגיטאַציע, בעזווינגט פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. יודען קאָנען מעהר נישט פאָהרען אויף די מערק, נישט איינשטעלענדיג [illegible] זייער ביסעל פערמעגען און אויך זייער לעבען.

מיר האַלטען דעריבער, אַז מיר בעגעהן א [illegible] פעהלער דערמיט, וואָס מיר, יודען, [illegible] די גאַנצע געשיכטע מיט די כוואַליעס צו-לייכט. מען טאָר נישט וואַרטען ביז די אַנטיסעמיטישע כוואַליע וועט שטאַרקער ווערען. [illegible] חי אויף הייוען, ווייל ביי די פינסטערע מאַסען, איבערהויפּט ביי דער גרויסער צאָהל אַרבייטסלאָזע, איז דער אַנטיסעמיטיזם א גאַנגבּאַר אַרטיקעל, מיט וועלכען מען קאָן האָבען גרויס ערפאָלג. זעהט מען דאָך טאַקי, אַז ביי יעדען אַנטי-יודישען אַרויסטריט זענען די [illegible] קאָפּ [illegible] פון אונטערוועלט - כוליגאַנעס און סתם אַרבייטסלאָזע.

[illegible] דער יעצטיגער צייט זענען [illegible] אַרויסטרעטונגען לייכט צו בעקעמפען. אַנדערש וועט אָבער זיין, ווען דאָס וועט איינגעוואָרצעלט ווערען אין לעבען, דאַמאָלס וועט שוין שווערער זיין צו שטעלען א ווידערשטאַנד.

די יעצטיגע אַרויסטרעטונגען זענען, אמת, גלייכצייטיג געווענדעט געגען דער היינטיגער רעגירונג. היות אָבער, ווי געגען דער מאַכט זענען די יודען-פרעסער צו-שוואַך, וואַרפען זיי זיך איינגאַנצען געגען די אומבעהאָלפענע [illegible] יודען.

זענען מיר טשענסטאָכאָווער יודען עדות פון א גאַנצער רייהע אַרויסטרעטונגען און בלוטיגע אָנפאַלען אויף יודען.

עס ווערט די לעצטע צייט אונמעגליך זיך אַרויסצו[illegible] פון דער שטאָדט, [illegible] וועלכע [illegible] לויערען אויף דעם יודען.

דער לעצטער אָנפאַל אויף דער [illegible] האָט נאָך אַמאָל בולט בעוויזען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַן'אָרגאַניזירטער באַנדע, וועלכע אַרבייט פּלאַנמעסיג און [illegible], און ווען נישט די [illegible] בּרית-[illegible] העלדיש [illegible] רעזול-[illegible] אונז [illegible]

[illegible] לאַגע [illegible] יודען [illegible] זיי נאָך אין טויט-שרעק פאַר איבערפאַלען צו ווערען פון אָט די ווילדע ברואים.

אַזוי ווייטער טאָר נישט בלייבען.

מיר מוזען אָנווענדען אַלץ דעם דאָזיגען ווילדען אָנגריף אָבצושטויסען, די רעגירונג פון מאַרשאַל פּילסודסקי איז גענוג שטאַרק, כדי א סוף צו מאַכען צו דער ווילדער וואַקכאַנאַליע, וואָס הערשט אין פּוילען מצד די ענדעקעס. און מיר, 3 און א האַלבען מיליאָן פּוילישע יודען האָבען דאָס רעכט צו פאָדערען פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל בעשיצען אונזער לעבען.

אַמאָל איז געווען דער בעגריף פון: את הרכוש קח לך ואת הנפש תן לי, אָדער ווי ס'זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: ס'געלד אָדער ס'לעבען; היינט אָבער נעמט ביי אונז צו ס'געלד צוזאַמען מיט'ן לעבען.

אונזער חוב איז דעריבער אויפמערקזאַם צו מאַכען אונזערע יודישע פאָרשטעהער, דאָס זיי זאָלען שוין אָננעמען שריט ביי דער רעגירונג, אַז זי זאָל מיט א שטאַרקער האַנד אויסראָטען דאָס דאָזיגע צרעת, וואָס ווערט א מאַסען-אַרטיקעל. מיר פערשווייגען פערברעכעריש די אַלע געשעהענישען. און מיר, אויב מיר ווילען זיך בעגרעניצען בלויז מיט'ן ציהען מיט די אַקסלען און צו-שאָקלען מיט'ן קאָפּ, אַז ס'איז טאַקע ביטער — וועלען מיר זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די פאָלגען, וואָס וועלען אויף אונז קומען.

מיר מוזען אָנהויבען שרייען אַזוי הויך, אַז אונזער קול זאָל דערהערט ווערען, און במילא וועט מען אונז מוזען קומען צו הילף.

ניין, מען טאָר מעהר נישט שווייגען!

ש.

דעלעגאַציע פון דער מירער ישיבה אין טשענסטאָכאָוו.

עס ווייל'ט ביי אונז אין שטאָדט א דעלעגאַציע פון דער ישיבה אין מיר, כדי אדורכצופיהרען אַנ'אַקציע לטובת דער בערוהמטער ישיבה, וועלכע עקזיסטירט שוין קרוב 120 יאָהר, און איז ביז היינט צו-טאָג דער גרויסער תורה-צענטער, וואו עס לערנען העכער 400 תלמידים פון פּוילען, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אַמעריקא, קאַנאַדע, אַפריקא א. א. וו.

ליידער געפינט זיך לעצטענס די ישיבה מאַטעריעל אין א קאַטאַסטראָפאַלען מצב, ווייל די ביז-איצטיגע הכנסות, וועלכע זענען הויפּטזעכליך געווען פון אַמעריקא און דייטשלאַנד האָבען זיך לעצטענס פערקלענערט ביז א מינימום, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אונטערגענומען געוואָרען אַנ'-ענטשפּרעכענדע אַקציע אויך ביי אונז אין שטאָדט.

די מנדבים לטובת דער ישיבה ווערען געבעטען צו ערלעדיגען זייערע נדבות אין וואוינונג פון ר' יוסף שמעון קאַבלינץ (פּילסודסקי גאַס).

זונטאָג פ' במדבר 5-30 פאַרנ. וועלען אין דער שטאָדט-שוהל אַרויסטרעטען די דעלעגאַטען פון דער ישיבה: הר' ליבערמאַן, ר' יוסף שמעון קאַבלינץ און דער תלמיד ישיבת-מיר הר' ישראל יאַכימאָוויטש.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו

אין נאָמען פון דער היגער אָבטיילונג פון דער ליגע פאַר לופט-פערטיידיגונג פון לאַנד „ל.אָ.פ.פ.", ווענד איך מיך דערמיט צו דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג מיט א הייסען אַפּעל צו נעמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין דער „וואָך פון ל. אָ. פ. פ.", וואָס קומט פאָר אין די טעג פון 10 ביז'ן 17-טען מאַי ד. י.

עס איז איינענטליך גאַנץ איבעריג אויפצוקלערען די וויכטיגקייט פון דער ליגע, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו זאָרגען פאַר דער פערטיידיגונג פון לאַנד געגען אָנפאַלען אין דער לופט און געגען גאַז-אַטאַקעס.

עס פערשטעהט דאָך יעדער איינציגער, אַז ביי דער אונגעהויערער ענטוויקלונג פון אַלע פערשידענע לופט-שיפען און גיפט-גאַזען, שטעהט פאַר אין פאַל פון א מלחמה די שרעקליכסטע און גרעסטע געפאַהר נישט נאָר פאַר דער אַרמעע, וואָס קעמפט אויף די שלאַכט-פעלדער, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער פרידליכער בעפעלקערונג פון לאַנד. עס וועט דאַמאָלס פאַר קיינעם פון די ציוויל-איינוואוינער קיין שום בעהעלטעניש נישט זיין, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד וועט פערוואַנדעלט ווערען אין איין גרויסען שלאַכט-פעלד, איבער וועלכען ס'וועלען פליהען די פיינדליכע לופט-שיפען, אַראָבוואַרפענדיג די שרעקליכסטע גאַז-באָמבעס, וואָס וועלען פערשפּרייטען די געפעהרליכסטע גיפט-גאַזען און ברענגען אַזוי-אַרום טויט און פערניכטונג אויף אַלץ און אַלעמען, נאָהנט און ווייט.

די ליגע פאַר לופט-פערטיידיגונג, וועלענדיג בעשיצען די בעפעלקערונג פון דער דאָזיגער געפאַהר, שטרעבט אַלערשטענס צו שאַפען א מעכטיגען לופט-פלאָט צו פערטיידיגען דאָס לאַנד און נישט צו דערלאָזען די פיינדליכע לופט-מערדער זיך דערנעהנטערן צו אונזערע גרעניצען. די ליגע בילדעט אויס קאַדרען פון לופט-פליהער און פערשפּרייט גלייכצייטיג צווישען דער בעפעלקערונג נויטיגע ידיעות און מיטלען, ווי אַזוי זיך צו פערטיידיגען געגען גיפט-גאַזען.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין בעטראַכט, דאַרף יעדער איינער פערשטעהן, ווי גרויס עס איז דער חוב זיינער צו אונטערשטיצען מיט אַלע מעגליכקייטען די ליגע פאַר לופט-פערטידיגונג. דאָס איז אונזער פּאַטריאָטישער חוב קודם-כל געגען דעם לאַנד, עס איז אָבער אויך פּשוט אונזער חוב געגען זיך אַליין, געגען דעם אייגענעם לעבען, געגען דעם לעבען פון די פרויען און קינדער.

געדענקט דעריבער אייער חוב און אונטערשטיצט מיט אַלע כחות די „וואָך פון ל. אָ. פ. פ." דורך פערשרייבען זיך אַלס מיטגלידער און דורך נדבות אויף דער דאָזיגער זאַמעל-אַקציע.

נחום אַש אבדפ"ק.

פון קרן קימת לישראל.

מיר בעטען אַלע אָרגאַניזאַציעס:

1) אָבצוגעבען אוסישקין-אַקציע-מאַטעריאַל,

2) ערלעדיגען די חשבונות פאַר כרטיסי, טיול ל"ג בעומר,

3) זונטאָג אָבנעמען מאַטעריאַל צו דער הרקת היובל הרקת סיון.

פון דער רעדאַקציע.

צוליעב טעכנישע סיבות איז נישט געוואָרען פערעפענטליכט די ווייטערדיגע טייל פון די רינג-קייט לטובת קרן משבה ביים בית"ר.

דער דאַמען-העלד.

ערצעהלונג.

פון וו. וועווויורקא.

מיר זענען געזעסן א גרופּע פריינד און בעקאַנטע אין א קאַפע און געפּלוידערט וועגען דעם און וועגען יענעם. ווען דער שמועס איז אַרויפגעקומען אויף דער טעמע מענער און פרויען, איז ער געוואָרען אַביסעל לעבעדיגער און הייסער, אַז מען איז איבערגעגאַנגען צו רעדען וועגען ליעבע, איז געוואָרען א היציגע דיסקוסיע און אַז מען האָט זיך איבערגעגליטשט פון ליעבע אויף אייפערזוכט, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען, אַז וויפיעל מענשען עס זענען געווען אַזוי פיעל מיינונגען זענען פאַרהאַן און יעדער איינער האָט זיין מיינונג געוואָלט פערפעסטיגען מיט ציטאַטען פון בעריהמטע פילאָזאָפען און פּאָעטען.

פּלוצלינג האָט זיך אָנגערופען איינער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגען:

— ווייסט איהר וואָס? איך וועל אייך נישט דערצעהלען וואָס עס זאָגט דער אָדער יענער גרויסער שרייבער אָדער פילאָזאָף אנשטאָט דעם וועל איך אייך בעסער דערצעהלען א אמת'ע געשיכטע, וועט איהר קאָנען האָבען א בעגריף וועגען דעם וואָס עס איז אייפערזוכט, מעהר ווי אַלע קלוגע ווערטער פון די גרויסע לייט.

און ער האָט דערצעהלט:

— איך האָב געהאַט א בעקאַנטען. ער איז געווען א שעהנער יונג א לעבעדיגער חברה-מאַן און א גרויסער וויצלער. חוץ דעם האָט ער געשריבען ליעדער, וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט אָבגעדרוקט אין עפּיס א בלעטיל.

איהר ווייסט, גלויב איך, אַלע מידה ווייז, אַז די אַלע מעלות זענען גענוג פאַר א בחור, אַז ער זאָל האָבען ערפאָלג ביים שעהנעם געשלעכט. איז טאַקע נאָטליב — אַזוי האָט דער בחור געהייסען — שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט פון א מחנה שעהנע מיידלעך, וועלכע זענען אַלע אָהן אויסנאַהם געווען אין איהם פערליבט.

און ער, נאָטליב, האָט זיך שטענדיג אָבגעקליבען איינע, וועלכע איז געווען לויט זיין מיינונג די שענסטע, די קלוגסטע און די אינטערעסאַנטסטע און אין דער איינער איז ער געווען פערליבט מיט אזא ליבע, וואָס מען רופט אָן „שטערבליך".

צו לאַנג האָט, פערשטעהט זיך, ביי אזא ערפאָלגרייכען חברה-מאַן זיין „שטערבליכע" פערליבטקייט נישט געקענט אָנהאַלטען. עס איז קוים פאַר איבער א קירצע צייט האָט ער איינגעזעהען, אַז זיין ביז-יעצטיגע פערליבטע איז נישט קלוג, נישט שעהן און נישט אינטערעסאַנט און אויף איהר אָרט האָט ער שוין געהאַט געפונען אַן אַנדערע, אין וועלכער ער האָט געפונען די אַלע דערמאַנטע מעלות נאָך מיט א צוגאָב.

אָט אזא פאַרשוין איז דאָס געווען.

אָבער איינמאָל האָט ער זיך פערליבט אין א מיידעל, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען א לענגערע צייט. איך האָב איהם אין יענער צייט גאַנץ אָפט געזעהן, און אויב כ'האָב איהם אין א שפּאַס געפרעגט, ווען ער רעכענט צו בייטען זיין געליעבטע, האָט ער זיך אויף אַן'אמת בעליידיגט' מיט דער מיידעל, האָט ער מיר פערזיכערט, וועט ער שוין חתונה האָבען. „דאָס איז גאָר אַן'אַנדער סאָרט מיידעל", האָט ער געזאָגט און זיינע אויגען האָבען זיך צופינקעלט ווי ביי אַן'אמת-פערליבטען.

א לענגערע צייט האָב איך נאָטליב'ן נישט געזעהן אין אַז ער איז צו מיר געקומען אין איינעם א העלען זומער-פריהמאָרגען האָב איך שוין געזעהן, אַז עס איז אין איהם פאָרגעקומען אַן ענדערונג. זיינע אויגען האָבען מעהר נישט פערבאָרגט אין זיך יענעם גלאַנץ, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פערליבטע.

ער איז צו מיר געקומען מיט א ביטע: אַזוי ווי ער האַלט מיך פאַר א פריינד, גלויבט ער, אַז איך וועל איהם נישט אָבזאָגען מיין הילף איהם אַרויסצונעמען פון אַן'אומגליק.

— אַן'אומגליק? — ווער איך פול מיט מיטלייד צו א פריינד — זאָג, לאָמיר הערען איך פון מיין זייט, וועל געוויס טהון וואָס כ'וועל נאָר קענען.

דערצעהלט ער מיר:

דאָס מיידעל, די געליעבטע זיינע, וואָס איז גאָר וואָס געווען „גאָר אַנ'אַנדער סאָרט מיידעל" האָט זיך איהם לעצטענס אַזוי צוגעגעסען, ממש צום שטאַרבען. ער קאָן גאָרנישט פערשטעהן, ווי אַזוי ער האָט ביז-איצט נישט געזעהן ווי נישט-אינטערעסאַנט זי איז.

— נו—פרעג איך אַן'איבערראַשטער —דאָס זאָל עס זיין דאָס גרויסע אומגליק דיינס? דאַכט זיך, אַז דו האָסט שוין גענוג ערפאַהרונג אויף דעם געביעט פון אָבטשעפּען זיך פון א מיידעל, וועלכע מען האָט מעהר נישט ליעב.

— זי איז גאָר עפּיס אַנדערש ווי אַלע ביז-איצטיגע מיידלעך—זאָגט ער אין א פערצווייפעלטען טאָן—מיט איהר בין איך געווען זעהר נאָהנט... דו ווייסט דאָך, אַז מיט איהר האָב איך זיך שוין געקליבען חתונה צו האָבען. נישט נאָר זי, נאָר אפילו איהרע עלטערן, איהרע ברידער און שוועסטער האָבען מיך בעטראַכט פאַר איהר חתן. איצט וועט זיין א סקאַנדאַל, א גרויסער סקאַנדאַל טאָמער וועל איך זיך פון איהר צוריקציהען. חבר, דו מוזט מיר אין דעם העלפען.

— אָבער ווי אַזוי קען איך דיר דאָ העלפען? — פערשטעה איך ווירקליך נישט.

— דו קענסט מיר העלפען, אויב דו ביזט מיר ווירקליך א פריינד — זאָגט ער אין א האָפענונגספולען טאָן.

ער רוקט זיך צו גאַנץ נאָהנט צו מיר און רעדט גאַנץ שטיל, ווי ער וואָלט זיך היטען, אַז א זייטיגער זאָל נישט אויפכאַפּען דעם סוד.

וואָס מיינט איהר, האָט ער מיר אַזוינס פאָרגעלעגט? אין קלייניגקייט! נישט מעהר און נישט ווייניגער, נאָר איך זאָל מיט דער מיידעל פערפיהרען א ליעבע הינטער זיין רוקען; ער זאָל, כלומרשט צופעליג, אונז פאַקען אין א זעהר אינטימער פּאָזע און אַזוי אַרום וועט ער זיך קענען פון איהר אָבטשעפּען.

ער איז זיכער געווען, אַז אויב איך בין איהם ווירקליך א פריינד, וועל איך נישט טראַכטען קיין איינציגע מינוט אפילו און כ'וועל איהם צוזאָגען נאָכצוקומען זיין ביטע. ער האָט נאָר געהאַט איין דאגה: ווער ווייס צי זי וועט זיך וועלען מיט מיר אַריינלאָזען. אָבער דאָס האָט ער אַלץ אַרויפגעלעגט אויף מיינע פעהיגקייטען און צוגעבענדיג מיר מוט האָט ער מיר געקלאַפּט אין פּלייצע:

— ווייז, גוטער ברודער, אַז דו ביזט א מענטש, א פעהיגער דאָן-זשואַן.

— ניין, מיין ליעבער — האָב איך קוים איינגעהאַלטען מיין פעראַכטונג צו איהם פאַר דעם פאָרשלאָג וואָס ער מאַכט מיר — אַזוי ווייט געהט נישט מיין פריינדשאַפט צו דיר. דו וועסט מוזען זוכען אַן'אַנדער בעפרייאונגס-מיטעל.

ער איז אַוועק פון מיר א נידערגעשלאָגענער און אַן'ענטוישטער.

א וואָך צייט האָב איך איהם נישט געזעהן ענדליך האָט ער זיך ווידער צו מיר געוויזען. ווידער א פערצווייפעלטער. דאָס איצטיגע מאָל איז זיין פערצווייפלונג און צירודערקייט געווען פיעל שטאַרקער ווי דאָס פוריגע מאָל.

— וואָס איז מיט דיר, נאָטליב? — האָב איך איהם געפרעגט — זעהסט אויס עפּיס אַזוי צורודערט, אַזוי פערצווייפעלט.

שלעכט, זעהר שלעכט — האָט ער געזאָגט אין א געבראָכענעם טאָן און ער איז שוין גרייט געווען צו וויינען.

— אַלץ איבער דער מיידעל?

— אַלץ איבער איהר.

— וואָס איז, קענסט טאַקי פון איהר נישט פטור ווערען?

— וואָס רעדסטו! — איז ער אַרויס מיט א געשרייער אויף מיר — ווער וויל דען פון איהר פטור ווערען?

— אַזוי — זאָג איך — ווילסטו גאָר פון איהר נישט פטור ווערען? טאָ וואָס דען איז געשעהן?

— חבר — האָט ער כמעט געוויינט כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז זי פערראַט מיך; זי פיהרט א ליעבע מיט אַנ'אַנדערן.

— נו, וואָס ווילסטו — זאָג איך — געדענקסט שוין גאָרנישט, אַז דו האָסט אַזוי אַרום געהאַט זיך פון איהר צו בעפרייען?

— כ'בעט דיך, דערמאָן מיך נישט מיין נאַרישקייט. כ'פיהל, אַז כ'קען אָהן איהר נישט לעבען. וואָס טהוט מען?

קורץ — ער האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל זיך זעהן מיט זיין געגנער און איהם בעטען, אַז ער זאָל ביי איהם נישט צונעמען זיין געליעבטע. די זעלבע מיידעל, וואָס איז ערשט מיט עטליכע טעג פריהער געווען זיין אומגליק, האָט ער איצט נישט געקענט לעבען אָהן איהר. און אַלץ דערפאַר, ווייל אַן'אַנדערער האָט זי אַליין צוגענומען איידער ער האָט זי אַליין אויסגעוואָרפען.

אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צו די יודישע אַרבייטער.

איך האָב אַ לאַנגע צייט מיט זיך געקעמפט, צו איך זאָל שרייבען די דאָזיגע שורות אָדער נישט, ווארום די פראַגע, וועלכע איך וויל דאָ בעריה-רען, איז זעהר אַ דראַסטישע און קאָן שלעכט פערשטאַנען ווערען, און אויב איך האָב בעשלאָסען וועגען דעם יאָ צו שרייבען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זי איז צו ערנסט און האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער אָנגעוועה-טאָגטער פראַגע פון רעכט אויף אַר-בייט פאַר די יודישע אַרבייטער. און דעריבער מוז אַרויסגעזאָגט ווערען דאָס, וואָס עס טהוט וועה און קאָן לויט אונזער מיינונג אויסגעבעסערט ווע-רען.

אין אַ רייהע אַרטיקלען האָבען מיר מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געטאָ-דעלט די האַנדלונג פון אונזערע יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע בעשעפ-טיגען נישט אין זייערע אונטערנעה-מונגען קיין יודישע אַרבייטער. מיר האָבען אַפּעלירט צו זייער יודיש גע-וויסען און זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דער איצטיגער ביטערער צייט, ווען אַלע קוואַלען פון פערדינסט זע-נען פאַר'ן יודען פערשלאָסען, איז דער איינציגער אויסוועג פאַר איהם געהן אַרבייטען. און היות ווי אין נישט-יו-דישע אונטערנעמונגען וועט מען קיין יודישען אַרבייטער נישט צונעמען, בלייבט פאַר איהם דער איינציגער וועג די יודישע פאַבריק, די יודישע אונ-טערנעמונג.

מיר האָבען דערביי אָנגעוויזען, אַז דער בעגריף דאָס דער יודישער אַר-בייטער איז נישט פעהיג פיזיש צו אַר-בייטען אָדער וויל בעסערע בעדינגונ-גען, ווי דער נישט-יוד, איז היינט נישט אַקטועל, ווייל די נויט, די ביטערע לאַגע, האָט דעם יודען געמאַכט צו-גלייך מיט'ן לאַנדעס-פּראָלעטאַריאַט, און ער פאַסט זיך צו צו אַלע אַר-בייטס בעדינגונגען און ארבייט צוגלייך מיט'ן נישט-יודען. קומען אָבער צו געהן די יודישע פאַבריקאַנטען און יו-דישע אונטערנעמער און דערצעהלען גאָר עפּיס אַנדערש. זיי דערצעהלען, אַז זיי שטעהן אויס פון די יודישע אַרבייטער געברענטע צרות, זיי מאַ-כען זיי שטרייקען, שטעלען אַרויס פאָדערונגען, אינדערצייט, ווען די נישט-יודישע אַרבייטער אַרבייטען רוהיג, [illegible] און מאַכען נישט, ווי זיי זאָ-גען, קיין שטוקעס.

אויך גיט מען אונז איבער וועגען דער לאַגע אין שניידער-פאַך, אַז אינ-דערצייט, ווען די קריסטליכע שניידער-אַרבייטער אַרבייטען אין די וואַרשטאַ-טען מעהר ווי 8 שעה, און פאַר אַ בעשיידענעם לוין, פיהרען די יודישע אַרבייטער אַ שטרענגען קאַמף פאַר דעם 8-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג, און כמעט יעדע וואָך פערלאַנגען זיי הע-כערע שכירות. און אויב די מייס-טער קאָנען נישט דערמיט מסכים זיין פיהרט מען אַ קאַמף מיט אַראָבדרעהען די רעדלעך פון דער מאַשין און זאָ-גאָר מיט טעראָר.

אונזער גאַנצע סימפּאַטיע איז מיט די אַרבייטער. אוודאי דאַרף מען און מען טאָר נישט אַרבייטען לענגער, ווי אַן'אַכט-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג. אוודאי דאַרף מען פערדינען העכערע שכירות, איבערהויפּט, ווען די אַרבייט איז נאָר אַ סעזאָנאָווע. אָבער, ליעבע אַרביי-טער, פאַרוואָס זעהט מען גאָרנישט די זעלבע פאָדערונגען זאָלען אויך אַרויסגעשטעלט ווערען דורך די קריסט-ליכע אַרבייטער. ווייסט איהר דען נישט, אַז אויב איהר וועט בעקומען העכערע שכירות און גלייכצייטיג וועט איהר ווייניגער אַרבייטען פון די קריסטליכע אַרבייטער, וועט ביי די יודישע מייסטער די פּראָדוקציע אַרויס-קומען טייערער און איהר וועט פער-לירען אינגאַנצען די אַרבייט, פערגעסט נישט, אַז אין דער איצטיגער צייט, דאַרפען אייערע יודישע ברויט-געבער קאָנען זיין קאָנקורענץ-פעהיג געגענאי-בער דעם קריסטליכען בעל-מלאכה, אַנדערש קאָן ער נישט האָפען אויף קיין אַרבייט, און אויב ער וועט נישט האָ-בען קיין אַרבייט, וועט איהר עס אויך נישט האָבען, ווארום פאַר אייך איז גאַנץ קלאָר, אַז אין קיין קריסטליכען ווערקשטאַט וועט מען אייך נישט בע-שעפטיגען,

דאָס זעלבע איז אין די פאַבריקען. יודישע אונטערנעמער דערצעהלען, אַז ווען זיי האָבען יודישע און קריסטליכע אַרבייטער זענען די קריסטען רוהיגע, שטילע אַרבייטער, און נאָר די יודישע אַרבייטען מעשים און האַלטען אין איין קעמפען אז"וו.

מעגליך, אַז די יודישע פאַבריקאַנ-טען און די יודישע אונטערנעהמער איבערטרייבען אַביסעל מיט זייערע מעשות לגבי די יודישע אַרבייטער, אָבער צווישען זיך מעג מען דאָך זאָ-גען, אַז ליידער איז עס אַזוי.

צי וואָלט נישט געווען אַ יושר, אַז מיר זאָלען אין דער יעצטיגער אוי-סערגעוועהנליך-קאַטאַסטראָפאַלער צייט זיך פערטראַכטען, דאָס דער עיקר איז, אַז מיר זאָלען צוערשט בעקומען די אַרבייטס-פּלעצער און דוקא אַרויסווייזען, אַז די יודישע אַרבייטער זענען פעהיג צו אַרבייטען און קענען אויך זיין נוצליכע און פּראָדוקטיווע עלע-מענטען, נישט ערגער פון די קריסט-ליכע אַרבייטער. צי דאַרפען זיך נישט די יודישע אַרבייטער - אָרגאַניזאַציעס וועגען דעם ערנסט פערטראַכטען?

יודישע אַרבייטער! נישט מיט קיין בייזע כוונות זענען די דאָזיגע ביטערע ווערטער אָנגעשריבען. דער שרייבער פון די שורות האָט די פולע סימפּאַ-טיעס פאַר'ן קאַמף פון אייער דערגריי-כונג, וואָס ליגט מיר טיעף אין בלוט פון מיין קינדהייט אָן און איינס פון מיינע גרעסטע אויפגאַבען און שטרע-בונגען איז — צו זעהען דעם יודישען אַרבייטער אַ שטאַרקען, געזונדטען און נאָרמאַלען, און טאַקי דערפאַר האָבען מיר זיך דערלויבט די דאָזיגע ווער-טער אויפצושרייבען. מיר האַלטען, אַז אויב מיר וועלען נישט בעקומען די אַרבייטס-פּאָזיציעס, זענען מיר פערלוי-רען, וועט קיין קאַמף נישט קאָנען זיין און ממילא איז דער זיעג נישט מעהר ווי אַ פראַזע.

נעמט אונז נישט פאַר אומגוט די דאָזיגע שאַרפע ווערטער. מיר ווילען אָבער אייך נאָר אויפמערקזאַם מאַכען, אַז איהר זאָלט זיך נאָר אַביסעל ערנסט פערטראַכטען איבער דער יעצטיגער לאַגע און געדענקען, אַז איצט איז די צייט נישט פון הורא-קאַמפען, נאָר פון ערוּבערן די אַרבייטס פּאָזיציעס, וואָס קען דערגרייכט ווערען נאָר מיט רוהי-גע, אַרבייטסזאַמע און כדרך כל האדם-דיגען אופן.

ש. פראַנק

ב. וויינבערג.

דער העברעאישער לעזער אַמאָל און היינט.

געווען צייטען, אין דער נישט-ווייטער פערגאַנגענהייט, פאַר דער וועלט-מלחמה, און די העברעאישע פּרעסע, דאָס העברעאישע בוך, האָבען אין גלות געבליהט: ס'איז געווען אַ גרויסע, ברייטע מחנה העברעאיש-לעזער, חובבי-שפת-עבר, וועלכע זענען געווען צוגע-בינדען מיט אַלע פעדים פון זייער נשמה צו דער אַלטער און נייער העב-רעאישער ליטעראַטור, אַזוי, אַז וואו זיי האָבען זיך געוואַנדערט, וואו זיי האָבען זיך געקעהרט, זענען זיי געווען צו-נויפגעקניפּט מיט דער העברעאישער צייטונג, מיט'ן העברעאישען בוך. העב-רעאישע ביכער-פערלאַגען זענען געווען גוט סיטואירט, העברעאישע צייטונגען זענען געווען א חי הנושא את עצמו און זייערע מיטאַרבייטער האָבען בע-קומען אַ געהעריגען שכר-סופרים. און מערקווירדיג: די העברעאישע קולטור-אָרגאַניזאַציע אָדער אָרגאַניזאַציעס האָ-בען נישט בעזיצט אַזעלכע פערצווייגטע אַפּאַראַטען, האָבען נישט געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע אַזעלכע גרויסע געלד-פאָנדען, ס'איז נישט געפיהרט געוואָרען אַזאַ שטאַרקע, מונדליכע און שריפטליכע אַגיטאַציע פאַר דער העב-רעאישער קולטור, פונדעסטוועגען אָבער איז די ליבע צו העברעאיש אין פערשי-דענע קרייזען, אָרטאָדאָקסישע און פּאַרט-געשריטענע געווען אונגעהויער גרויס.

און — היינט?

טראָצדעם, וואָס די עליה קיין ארץ-ישראל שטאַרקט זיך, אַהן עין-הרע פון טאָג צו טאָג; טראָצדעם, וואָס עס הערשט איצט אַזאַ גינסטיגע קאָניונקטור פאַר'ן ציוניזם; טראָצדעם, וואָס די העברעאישע קולטור - אָרגאַניזאַציעס „תרבות" אָדער אַנדערע זענען אַזוי געוואַקסען אין דער לענג און דער ברייט — ווערט די העברעאישע בי-כער-פּראָדוקציע אין גלות וואָס אַמאָל שוואַכער (איך רעד דאָ נישט וועגען לעהר-ביכער), אַ טעגליכע העברעאישע פּרעסע איז נישט עקזיסטענץ-פעהיג, די צאָהל העברעאישע לעזער ווערט פון טאָג צו טאָג פערמינערט.

אַ טרויריגע ערשיינונג.

כ'ווייס: מ'וועט מיר אָנווייזען אויף די פערשידענע העברעאישע פּאַרטיי-פּראָשורען, וועלכע עס גיבען אַרויס פון צייט צו צייט די נאַציאָנאַלע יו-גענד-אָרגאַניזאַציעס. בלעטערענדיג אָ-בער אין זיי, אַדורכלעזענדיג זייער תוכן און שפּראַך — ווערט נאָכמעהר טרויריג אויפ'ן האַרצען. די דאָ-זיגע בראָשורען — די גרעסטע טייל — זענען געשריבען אין אַזאַ באַרבאַרישער, צוקאַלעטשעטער העברעאישער שפּראַך, אַז דער אמת'ער העברעער, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט תנ"ך, ש"ס, פּוסקים און די נייע העברעאישע לי-טעראַטור, דוכט זיך איהם, אַז ער לייענט נישט העברעאיש, נור עפּעס אַ מין נייעם העברעאישען זשאַרגאָן, וואָס אַ חוץ די העברעאישע אויסדרי-קען און ווערטער, האָט ער אין זיך נישט דעם גייסט, די נשמה פון דער העברעאישער שפּראַך. מ'בעקומט דעם רושם, ווי מיר וואָלטען פאַר זיך גע-האַט אַ מין שפּראַך-קאַריקאַטור.

וואָסערע סבה אָדער סבות האָבען אַרויסגערופען דאָס פערקלענערען זיך פון דער צאָהל העברעאישע לעזער און אוממעגליך געמאַכט דאָס ערשיינען פון אַ טעגליכער העברעאישער צייטונג אין גלות?

איך האָב שוין עטליכע מאָל וועגען דעם געשריבען און געפונען פאַר נויטיג נאָכאַמאָל דאָס דאָזיגע צו בעריהרען. איך האַלט, אַז די הויפּט-סבה איז די שלעכטע יודישע ערציהונג, וועלכע האָט זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויפ'ן יונגען דור פון יודישען נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. אַמאָל, בעת די כרעסטאָ-מאַטיעס האָבען נישט פערטרעטען די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור, נור מ'האָט געקנעלט מיט די תלמידים פיעל תנ"ך, גמרא און דינים, האָבען זיי אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך, זי איז ביי זיי געווען מעהר נאַטירליכער. און — דער עיקר — דאָס לערנען די אַלטע ליטעראַטור האָט איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער אַ שטאַרקע ליבע צו העברעאיש, צו אַלץ, וואָס איז אין איהר געשריבען. היינט זעהען מיר אַ פערקעהרטע ערשיינונג: מ'איז יוצא בלויז מיט דער כרעסטאָמאַטיע און דעם תנ"ך, דעם תלמוד, די אגדה שעצט מען גרינג און דעריבער וואַקסט אויס אַ דור פון עם-הארצים, וועלכע קענען נישט מעהר, ווי פּלאַפּלען אַ ביסעל העברעאיש.

איין און איינציגער אויסוועג איז דאָ: אויב מ'וויל פערבעסערן די לאַ-גע פון דער העברעאישער ביכער-פּראָ-דוקציע, אויב מ'וויל בעפעסטיגען די עקזיסטענץ פון אַ העברעאישער צײַ-טונג אין גלות, אויב מ'וויל, אַז די צאָהל העברעאישע לעזער און קענער זאָל זיך פערגרעסערען—דאַרף מען צו-ריקקעהרען צו אונזערע אַלטע מקורות, צום תנ"ך, צום תלמוד, צו דער אגדה.

אַנדערש — וועט די לאַגע וואָס אַמאָל ערגער ווערען, ווארום נור די אַלטע העברעאישע ליטעראַטור קען צובונדען דעם יונגען דור צו דער ניי-ער העברעאישער ליטעראַטור. הפך בה והפך בה דכולא בה.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

„נדחה".

ל"ג בעומר איז אַ נאַציאָנאַלער יום טוב, וועלכער ווערט דורך דער לע-גענדע אויסגעטייטשט פערשידענאַרטיג. אַמוואַהרשיינליכסטען איז אָבער די דערצעהלונג וועגען ר' עקיבא מיט זיי-נע תלמידים, וועלכע האָבען גענומען אָנטייל אין די קאַמפען פון בר-כוכבא מיט די רוימער, איז דער טאָג פון ל"ג בעומר געווען דער פרייהייטס - טאָג, ווען זיי האָבען געזיגט איבער'ן שונא, אָדער, ווי אַנדערע זאָגען, ווען זיי האָבען גערוהט נאָך די שווערע קאַמ-פען.

פון דאַמאָלס אָן ווערט דער ל"ג בעומר גערעכענט פאַר אַ יומא דפגרא, אין דעם טאָג מעגען פאָרקומען חתו-נות אָדער אַנדערע שמחות, כאָטש עס איז די ספירה.

געוועהנליך פאַלט אויס ל"ג בעומר 33 טאָג אין ספירה און דאַמאָלס שפּאַ-צירט די יוגענד (אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, ווען קיין אָרגאַניזאַציעס זענען נישט געווען, האָט דער מלמד שפּאַ-צירט מיט די חדר-יונגלעך אויפ'ן פעלד און זיך געווייילט אַ גאַנצען טאָג) אין זייערע מונדירען (אַלע יוגענדליכע מו-זען האָבען מונדירען), מיט די פעה-נער אין דער שפּיץ אויף אַן'אויספלוג, וואו זיי פערברענגען אַ גאַנצען טאָג.

היי-יאָהר איז אָבער געשעהן אַן'אויסטערלישע זאַך. ל"ג בעומר איז אויסגעפאַלען אין ל"ו בעומר, אנשטאַט דאָנערשטאַג איז דער יום-טוב פאָרגע-קומען זונטאַג און דאָס איז געווען צו-ליעב פאָלגענדען טעם:

אַקוראַט איז היי-יאָהר אויסגעפאַלען ל"ג בעומר אין דריטען מאַי, ווען די יוגענד, איבערהויפּט די ביתר'אָוצעס מיט די ברית החייל'ניקעס, ווי אויך די שול-קינדער האָבען זיך בעטייליגט אין די פייערונגען און עס איז געקומען אַ בעפעהל, אַז דער ל"ג בעומר זאָל היי-יאָהר זיין נדחה — אָבגערוקט אויף 3 טאָג שפּעטער.

מען שמועסט אפילו, אַז אַן'אָבגע-לייגטער יום - טוב איז קיין יום - טוב נישט; דאַסמאָל אָבער איז ל"ג בעומר געפייערט געוואָרען מיט'ן גאַנצען קנאַק, כאָטש ער איז געווען נדחה.

איבער די גאַסען פון שטאָדט האָ-בען מאַרשירט אויף אויספלוגען אין זייערע מונדירען כמעט אַלע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס און געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. אימפּאָזאַנט איז אָבער גע-ווען דער מאַרשרוט פון די רעוויזיאָניס-טען מיט זייערע ביתר'אָוצעס, ברית החייל און נורדיה, וועלכע זענען גע-גאַנגען מיט פעסטע טריט, אויסגעשולט מיליטעריש.

עס האָבען זיך געפיהרט אונטערהאַנד-לונגען, אַז אַלע יוגענד - אָרגאַניזאַצ-יעס זאָלען מאַרשירען צוזאַמען, וואָס וואָלט בלי ספק געמאַכט דעם געהעריגען איינדרוק. נאָר אַזוי ווי ביי די גרויסע יודען, אַזוי קען אויך ביי די קליינע יודעלעך נישט קומען צו קיין פערשטענדיגונג און מען האָט מאַרשירט בעזונדער אין דעם נאַציאָ-נאַלען יום-טוב ל"ג בעומר, וואָס איז היי-יאָהר פאָרגעקומען „נדחה".

אַן'אויסגעקעמפטער נצחון.

מיט שפּאַנונג האָבען די ספּאָרט-ליב-האָבער געוואַרט אויף דעם דעצידירענ-דען קאַמף, וואָס דאַרף פאָרקומען צווי-שען די היגע צוויי שטאַרקע באָקס-דרוזשינעס: „בריגאַדאַ" און „מכבי" וועגען דער העגעמאָניע פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו.

ווי בעקאַנט האַלט זיך די היגע „בריגאַדאַ" פאַר די מיוחסת. אַ קליי-ניגקייט, זיי געהערען דאָך צו דער מעהרהייט און די „מכבי" צו דער מינדערהייט. ממילא, איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז די געזונטע, פעסט-געבויטע, אויסטרענירטע שקצים פון דער „בריגאַדאַ" וועלען צורייבען אויף שטויב די יודישע יונגלעך פון „מכבי".

דער זאַל איז איבערפולט פון צו-שויער, מייסטענס „בריגאַדאַ"-אָנהענ-גער. אויך אונזערע אחינו בני ישראל האָבען נישט געפעהלט. אַ ריכטער האָט מען געברענגט ספּעציעל פון קאַ-טאָוויץ, וועלכער זאָל זיין שטרענג ניי-טראַל און די קאַמפען הויבען זיך אָן.

באַלד ביים ערשטען קאַמף האָבען מיר איבערגעלעבט אַן'ענטטוישונג. דער גוטער, שטאַרקער שילניצקי, וועלכער איז שטענדיג געווען אַ זיעגער און האָט זיין געגנער געלייגט אויף די לאָפּאַטקעס, האָט זיך דאַסמאָל אין דער לעצטער מינוט פערלוירען און פער-שפּילט. די יודען האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ און די שקצים האָבען פער-הילכט דעם זאַל מיט בראַוואָ-געשרייען פאַר זייער העלד. באַלד אָבער קומט פאַר דער צווייטער קאַמף, צווישען זיי-ער אַ גרויסען העלד, מיט אונזער יאָ-סעלע זילבערבערג. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, אַ פערביטערטער, אָבער געזיעגט האָט יאָסעלע—אַ געזונט אין זיינע הענטלעך!—און ווען דער ריכ-טער האָט געמאָלדען וועגען יאָסעלע'ס זיעג, האָבען די יודען ווידער געיובעלט און די שקצים האָבען געווילדעוועט און געפיפען פאַר כעס.

דאָס זעלבע איז געווען שפּעטער, ווען עס האָט זיך צונויפגעטראָפען זיי-ער גרעסטער העלד, זייער „אַס" — בערג, זייער קרוין מיט אונזער יודל בינדער. דער קאַמף איז געווען אוי-סערגעוועהנליך פערביטערט, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּרעסטיזש, ווע-גען דערהאַלטען דעם כבוד. און ווי טרויריג איז זיי געוואָרען אויפ'ן האַר-צען, ווען דער ריכטער האָט געמאָל-דען, אַז דעם קאַמף האָט געוואונען יודל בינדער. די חברה זענען ווילד געוואָרען און האָבען געוואָלט דעם ריכטער צורייסען אויף שטיקער.

אויך ישראל'יק כליוונער און יאָסע-לע שיין האָבען זייערע געגנער נישט געשאַנעוועט און האָבען אויסגעקעמפט רעמי. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז יודען האָבען געזיעגט געגענאיבער דער „בריגאַדאַ" און די העגעמאָניע געהער די יודען.

פערביטערט און ענטוישט זענען זיי נעביך געבליבען און דער נצחון, וועל-כען די יודען האָבען אָבגעהאַלטען איז געווען אַן'עהרליך אויסגעקעמפטער.

עס איז געוואָרען אַ מעטאָד'ע.

אַלע אָהן אויסנאַהם, סיי ענדעקעס, סיי ליבעראַלע קריסטען פיהרען אַ מע-טאָדע נישט צו געבען יודען קיין אַר-בייט. טאָג-טעגליך דערצעהלען מיר בעלי-מלאכות, אַז שטענדיג האָבען זיי געהאַט פון צייט צו צייט אַרבייט ביי קריסטען. די לעצטע צייט איז דאָס אָבער אַן'אויסגעשלאָסענע זאַך, וועגען דעם מעג מען פערגעסען. דאַגעגען קאָן מען טרעפען אַ סך פאַלען ווען יודישע אונטערנעהמער געבען אַוועק די גאַנ-צע אַרבייט קריסטליכע בעלי-מלאכות, כאָטש עס זענען פערהאַן יודישע בעלי-מלאכות פון דיזעלבע בראַנזשעס.

כדי אייך צו אילוסטרירען, ווי אַזוי עס זעהט אויס אין דער דאָזיגער הינ-זיכט, וועל איך אייך דערצעהלען אַ פאַקט:

אַ בעאַמטער פון דער פּ. ק. או. האָט איבערגעגעבען אַ יודישען בלאַ-כאַזש אַ שטיקעל אַרבייט, משה גע-וואָרען און געמאַכט אַ קאָנטראַקט. דער יודישער בעל-מלאכה, ה' כ., האָט גע-קויפט מאַטעריאַל, עס צוגעשניטען און געוואָלט צוטרעטען צו דער אַרבייט. קומט צו איהם דער קריסט און אי-בערבעט איהם שטאַרק, אַז היות ווי זיינע קאָלעגען מאַכען איהם שטאַרקע פאָרוואורפען, פאַרוואָס ער האָט די אַרבייט אָוועקגעגעבען אַ יוד, דעריבער איז ער געצווינגען איהם באַדיי צו פער-גיטיגען, אַבי ער זאָל די אַרבייט נישט מאַכען. איך בין טאַקי נישט קיין אַנ-טיסעמיט—פערענטפערט זיך דער קריסט—וואָס קאָן איך אָבער טהון, אַז איך מוז זיך רעכענען מיט דער סביבה, אין וועלכער איך לעב.

ווי איהר זעהט, יודישע אונטער-נעהמער, איז דאָס, וואָס מען וויל נישט געבען יודישע בעלי-מלאכות קיין אַר-בייט, אַ מעטאָדע און איהר, ווי עס ווייזט אויס, געהט נאָך דער זעלבער מעטאָדע...

מיט'ן ניגון פון דער „בריגאַדע".

דעם לעצטען שבת איז מיר אויס-געקומען צו זיין אָנוועזענד אויף אַ מושטרער פון די ביתר'אָוצעס, וועלכע מאַכען מיליטערישע איבונגען כדת וכדין. זיי מאַרשירען איבער דעם ברייטען הויף פון „אייראָן" און זינגען לי-דער אויף העברעאיש און יודיש. איין

היטלער׳ס סוף איז נאהענט.

פון האנס רהיינלענדער.

גערינג, היטלער׳ס רעכטע האנד אין דער רעגירונג, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך דער גאַנצער בעל-הבית איבער פרייסען און דער אויבער-קאָמאַנדיר איבער דער פאָליציי, האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלען די היטלער-כוליגאַנעס פון די שטורם-אָבטיילונגען צושיקען איהם בעריכטען וועגען די געפייניגטע און געמאָרדעטע. לויט דעם בעפעהל וועט מען נישט טאָרען האַלטען אַנ׳אַרעסטירטען אין אַ קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער איבער 8 טעג אָהן אַנ׳ערלויבניש פון מיניסטעריום.

די צייטונגען איבער דער וועלט האָבען אויפגענומען דעם דאָזיגען בעפעהל פון דעם בלוט-דורשטיגען און משוגענעם גערינג׳ן, ווי אַ בעווייז, אַז ענדליך האָט די היטלער-רעגירונג בעשלאָסען אָבצושטעלען די גרוילטהאַטען פון די היטלער-סאָלדאַטען. פון היינט אָן, הייסט עס, ווערען אין היטלער׳ס מלוכה איינגעפיהרט געזעץ און אָרדנונג.

אין דער אמת׳ן אָבער, איז גערינג מיט׳ן זיין בעפעהל אויסען נאָר איינצופיהרען אַ סיסטעם פון אָרדנונג אין די מאָרדען און שוידערליכע פייניגונגען פון די צעהנדלינגער טויזענדער אַרבייטער, סאָציאַליסטען, יודען, דעמאָקראַטען גייסטליכע פון פערשידענע רעליגיעס און אַלע אַנדערע געגנער פון דער היטלער-דיקטאַטור. איצט וועט מען שוין פערקריפּלען מענשען, דערשיסען זיי כלומרש׳ט, ווייל זיי האָבען געוואָלט אַנטלויפען, מיט אַ טאַלק, מיט בעריכטען צו העכערע היטלעריסטישע „נאַטשאַלסטוואַ“.

גלייכצייטיג האָט גערינג מיט זיין בעפעהל אַליין בעשטעטיגט, אַז עס איז אמת אַלץ, וואָס די וועלט האָט מיט שוידער געהערט וועגען די שרעקליכע פייניגונגען פון די סאָציאַליסטען, יודען, דעמאָקראַטען. רעהם, דער ווילדער פיהרער פון די היטלעריסטישע „שטורם-אָבטיילונגען“ האָט עפענטליך פערזיכערט זיינע באַנדעס, אַז מ׳וועט קיינעם פון זיי נישט בעשטראָפען, אויב זיי וועלען ערמאָרדען ביז צוועלף געגנער פון דער היטלער-דיקטאַטור פאַר יעדען היטלעריסט, וואָס וועט געטויט ווערען. רעהם׳ס ערקלערונג איז נישט צוריקגערופען געוואָרען, זי בלייבט אין קראַפט און די שוידערליכע פייניגונגען און מאָרדען געהן אָן ווייטער, פונקט ווי ביז-איצט.

עס איז גענוג, אַז אַ היטלעריסטישער אויסוואורף זאָל זאָגען אַ וואָרט געגען אימיצען און גלייך ווערט יענער פערשלעפּט אין אַ היטלער-באַראַק אָדער אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער און אָדער ער קומט שוין פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיגער, אָדער ער קעהרט זיך אום אַ צובראָכענער מענש, אָדער אַ פערקריפּעלטער אויפ׳ן גאַנצען לעבען. דאָס געהט אָן ווייטער, פונקט ווי ביז איצט.

ניין, גערינג און היטלער און די איבריגע בלוטדורשטיגע נאַציִשע מאַכטהאָבער וועלען אין דייטשלאַנד קיין זיכערהייט קיינעם נישט געבען. מען דאַרף זיין מעהר ווי נאַאיוו צו ערוואַרטען פון זיי, אַז זיי זאָלען אָנהויבען קלערען וועגען דער זיכערהייט און פרייהייט פון יעדען בירגער, וואָס איז געווען געזיכערט פון דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע פון דער דייטשער רעפּובליק.

דער באָיקאָט, וואָס יודען, אַרבייטער און אַלע רעכט-דענקענדע מענשען אויף דער גאַנצער וועלט פיהרען אָן געגען סחורות פון היטלער׳ס דייטשלאַנד, מוז ווייטער אָנגעפיהרט ווערען נאָך מיט מעהר ענערגיע. דער באָיקאָט רואינירט היטלער׳ס מלוכה און וואָס שטאַרקער ער וועט ווערען, אַלץ גיכער וועט פאַלען די שמאַך און שאַנד פון דער ציוויליזירטער וועלט, די היטלער-רעגירונג.

די שוידערליכסטע געוואַלדטהאַטען ווערען טאָג-טעגליך בעגאַנגען אין דייטשלאַנד, זינט די נאַציס האָבען דאָרט פערכאַפּט די מאַכט. ביי פיעל טויזענדער מענשען נעמט מען צו די עקזיסטענץ מעגליכקייטען. מ׳פערפאָלגט און מ׳פעריאָגט דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, קינסטלער, געלעהרטע, ווייל זיי זענען יודען, אָדער זיי האָבען יודישע עלטערן. מען באָיקאָטירט און מען רואינירט יודישע הענדלער. מען פערטרייבט יודען פון זייערע אייגענע געשעפטען און וואַרשטאַטען. צעהנדלינגער טויזענדער אַרבייטער ווערען אַרעסטירט. מען פייניגט זיי שוידערליך און מען האַלט זיי אָב מאָנאַטען לאַנג אין אַרעסט און קאָנצענטראַציע-לאַגערען.

אַזוי לאַנג ווי דאָס אַלץ וועט זיך נישט ענדערן אין דייטשלאַנד, אַזוי לאַנג ווי עס וועלען דאָרט נישט געזיכערט ווערען גלייכע רעכט פאַר אַלע מען, טאָר מען דעם באָיקאָט נישט אָבלאָזען. מען מוז איהם נאָך מעהר און מעהר פערשטאַרקען.

געדענקט, אַז די סחורות, וואָס קומען פון דייטשלאַנד, דערמאָנען אונז וועגען אומגעבראַכטע מענשען, רואינירטע עקזיסטענצען, צושטערטע, צובראָכענע פאַמיליעס. זיי דערמאָנען אונז אין די מאַסען קרבנות פון די היטלער-חיות, אין די אַלע, וועמען זיי האָבען געמאַטערט, געמאָרדעט, אָדער געצוואונגען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד.

די בעריהמטע צייטונג „בערלינער טאַגעבלאַט“, וועלכע איז אַמאָל געווען די ליבעראַלע צייטשריפט און איז היינט פערכאַפּט געוואָרען פון די נאַציס, גיט צו אָפען, אַז דער באָיקאָט פון דייטשע סחורות, האָט געהאַט אַ שרעקליכע ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון היטלער׳ס מלוכה.

גוט אַזוי! זאָל מען נאָך שטאַרקער פערפיהרען דעם באָיקאָט געגען אַלץ, וואָס שטאַמט פון היטלער-לאַנד! זאָל מען פיהרען דעם באָיקאָט געגען דייטשלאַנד אומעטום, אין אַלע לענדער! מען טאָר נישט נאָכלאָזען! מען טאָר נישט מאַכען קיין שום קאָמפּראָמיסען מיט די ווילדע, בלוטדורשטיגע באַרבאַרען!

די היטלעריסטען פּרובען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אָבנאַרען די וועלט מיט זייערע מעשיות וועגען דעם גרויסען פאָרטשריט, וואָס היטלער׳ס מלוכה האָט געמאַכט אין געזעלשאַפטליכען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען. אָבער וויפיעל זיי פּויקען גישט אויף דער ראַדיאָ און אין אַלע זייערע צייטונגען, וועלכע מוזען איצט שרייבען נאָר דאָס, וואָס די היטלעריסטען הייסען זיי, קאָנען זיי אָבער קיינעם נישט נאַרען. ווארום די פאַקטען ליגען אויבען אויף און יעדער איינער זעהט זיי.

א י ן ד ע ר א י נ ע ר ל י כ ע ר פּאָליטיק האָבען מיר אין היטלערלאַנד אַזאַ בילד:

אויסער די פיעל מיליאָנען סאָציאַל-דעמאָקראַטען און קאָמוניסטען (כאָטש די פּאַרטייען זענען פערבאָטען, לעבען זיי דאָך), שטעהען שוין איצט געגען היטלער׳ן די מאָנאַרכיסטען, דריי פערטיל פון געוועזענער קאַטוילישער „צענטער“ פּאַרטיי, דריי פערטיל פון דער וועטעראַנען-אָרגאַניזאַציע „שטאַלהעלם“. די קאַטוילישע קירכען, אַ העלפט פון די פּראָטעסטאַנטען און די יודען שטעהען אין אַ געשלאָסענעם פראָנט געגען היטלער׳ן.

עס וואַקסט די אומצופרידענהייט צווישען די סוחרים, קרעמער און פערמערס, וועלכע היטלער האָט אָבגענאַרט מיט זיינע דעמאַגאָגישע פערשפּרעכונגען פון גרויסע גליקען. אין דער אַרמעע וואַקסט אויך די אומצופרידענהייט. 60 אָפיצירען האָט מען אַרויסגעוואָרפען פון דער אַרמעע, ווייל מ׳האָט אויסגעפונען, אַז זיי זענען אַכטעל-יודען. אויף יעדען איינעם פאַלט דער פערדאַכט, אַז ער האָט ערגיץ אַ עלטער-באָבע, וואָס שטאַמט פון יודען. דאָס האָט די אָפיצירען שרעקליך צורייצט.

געטריי היטלער׳ן זענען געבליבען נאָר די פון זיינע באַנדעס, וואָס האָבען געקריגען פּאָסטענס, אָדער וואָס האָפען נאָך זיי צו קריגען. אפילו צווישען די בעוואָפענטע היטלער - באַנדעס אַליין וואַקסט שטאַרק די אונצופרידענהייט.

דאָס זעהט מען פון דעם, וואָס עס ווערט אַלץ גרעסער די צאָהל פון אַרעסטירטע „שטורמיסטען“. ווען עס זאָלען חיינט זיין וואַהלען אין דייטשלאַנד, וואָלט די צאָהל היטלער-שטימען אויסגעמאַכט אַ קליינע מינדערהייט.

א י ן ד ע ר א ו י ס ל ע נ ד י ש ע ר פ א ל י ט י ק האָט היטלער אויפגעגעבען אַלץ, וועגען וואָס ער האָט געטרומייטערט 15 יאָהר. ער האָט געמוזט אונדירעקט אָנערקענען דעם ווערסאַילער פרידענס-אָבמאַך, זיך אָבזאָגען פון „פּוילישען קאָרידאָר“ און שליסען דורך אַנ׳אָבמאַך מיט פּוילען איז גרייט זיך אָבצוזאָגען פון עסטרייך, אום צו געווינען אַ פריינדליכען בליק פון מוסאָליני און פון די דייטשען אין טשעכאָסלאָוואַקיי, אויב טשעכאָסלאָוואַקיי זאָל איינשטימען אויף אַנ׳עהנליכען אָבמאַך מיט איהם, ווי ער האָט געשלאָסען מיט פּוילען. פראַנקרייך רעדט שוין מיט אַ שאַרפערען טאָן צו דייטשלאַנד און ענגלאַנד׳ס שטעלונג איז אויך געוואָרען ערגער פאַר היטלער׳ן.

א י ן ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן ל ע ב ע ן איז די לאַגע אַ טרויעריגע. פון אומעטום קומען אָן בעריכטען וועגען גרויסע צרות. דאָס גאָלד אין דער מלוכה האָט זיך אַזוי שטאַרק פערקלענערט, אַז זי קאָן דעקען נאָר 6 פּראָצענט פון איהרע חובות, דער אויסלענדישער האַנדעל ווערט אַלץ מעהר רואינירט צוליעב׳ן באָיקאָט.

די היטלעריסטען האָבען לעצטענס ווידער פערשטאַרקט די פערפאָלגונגען געגען יודען. אַלע ווייסען וועגען דעם סקאַנדאַל, וואָס היטלער-סאָלדאַטען האָבען געמאַכט אין אַ בערלינער טעאַטער, וואו עס איז געוויזען געוואָרען דער פילם „קאַטערינע די גרויסע“, מיט דער בעגאַבטער יודישער קינסטלערין עליזאַבעט בערגנער. די העצעס און דער באָיקאָט געגען יודען ווערען שטאַרקער, ווייל היטלער - כוליגאַנעס ליאַרמען, אַז זיי ווילען האָבען פּאָסטענס און מען קען זיי אַלעמען נישט בעפרידיגען.

נישט לאַנג צוריק האָט די ציוויליזירטע וועלט אויפגעשוידערט פון דער נאַכריכט, וואָס איז געווען געדרוקט אין אויסלענדישע דייטשע צייטונגען וועגען זעכצעהן פרויען און יונגע מיידלעך, וועלכע מ׳האָט אין טורמעס פערגוואַלדיגט, שוידערליך געמאַטערט און פערפייניגט צום טויט. עס זענען אָנגעגעבען געוואָרען די נעמען פון די אומגליקליכע.

די וועלט האָט זיך אויך דערוואוסט וועגען דעם שרעקליכען סוף פון דעם גלענצענדען יודישען אַדוואָקאַט און ראָמאַנען-שרייבער דר. אַרטור לאַנדסבערגער, וועמעס ראָמאַן „בערלין אָהן יודען„ האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. מיט׳ן בליק פון אַנ׳אמת׳ן נביא האָט ער אין דעם ראָמאַן פאָראויסגעזאָגט אַלץ, וואָס די היטלעריסטען האָבען דערנאָך אָבגעטהון – דעם באָיקאָט געגען יודען, די אַרעסטען, פייניגונגען א. א. וו. די היטלעריסטען האָבען איהם אין דעם פּאָליציי - געפענגעניש בערלין—שענעבערג שוידערליך געפייניגט און דערנאָך אויפגעהאָנגען.

היטלער און זיינע באַנדעס האָבען 15 יאָהר נאָכאַנאַנד געשריגען: דייטשלאַנד, ערוואַך! יודאַ פערעקע!״ די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, צוזאַמען מיט די יודען, דאַרף יעצט שרייען: „מענשהייט, ערוואַך! אַ קאַמף געגען די ווילדע חיות!״

עס פערשטעהט זיך, אַז מיט שרייען אַליין וועט מען גאַנץ ווייניג אויפטהון. מען מוז העלפען די קרבנות, די היימלאָזע פליכטלינגען, די געפייניגטע און געיאָגטע. און פריהער פון אַלץ—באָיקאָטירען אַלע סחורות, וואָס קומען פון דייטשלאַנד, ווייל אַזוי לאַנג ווי היטלער הערשט איבער דייטשלאַנד, זענען אַלע דייטשע סחורות איינגעטינקט אין בלוט.

ביי אַ שלעכטען מאָגען, שווערער פערדייאונג, קישקעס-פערשטאָפונג ווענדעט מען אָן דאָס נאַטירליכע ביטער-וואַסער Franciszka Józefa

מעלאָדיע איז מיר אָבער זעהר בעקאַנט, כאָטש די ווערטער זענען העברעאישע. באַלד האָב איך זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָס איז די מעלאָדיע פון „מי פיערווּשאַ בריגאַדאַ“, וועלכעס ווערט צוגעפּאַסט צו די העבראישע ליעדער פאַרן מנהיג זשאַבאָטינסקי.

זיי, די ביתר׳אָווצעס, וועלכע זענען די ערשטע בריגאַדע, וואָס וויל ערובערן ארץ - ישראל, אַזוי ווי יוזעף פּילסודסקי – פּוילען, זינגען דערווייל זייערע ליעדער, כאָטש מיט׳ן ניגון פון דער „בריגאַדע״...

עס איז ווירקליך וואונדערבאַר.

דאָס מיין איך דעם קערמאַש, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין די זאַלען פון יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום, וועמעס הכנסה איז בעשטימט פאַר די אָרימע שילער פונ׳ם דאָזיגען גימנאַזיום.

דער „קערמאַש״ אין אַזאַ פערנעהם איז ווירקליך דאָס ערשטע ביי אונז אין שטאָדט.

איך בעדויער זעהר, וואָס צופעליג בין איך נישט געווען אויף דער ערעפנונג, וועלכע איז אויסגעפאַלען, ווי מען גיט מיר איבער, זעהר פייערליך. צומאָרגענס אָבער, ווען איך בין דאָרט געווען, האָב איך געזעהן אַזעלכעס, וואָס איז ווערט בעוואונדערונג.

די זאַלען זענען דעקאָרירט געוואָרען לויט׳ן פּראָיעקטפון פּראָפעסאָר ווילענבערג און דעם קינסטלער-גראַפיקער ה׳ וואַטענבערג. יעדעס צימער בעווייזט אויף וואָס עס איז בעשטימט: דאָס דאַנסינג-צימער מיט פידלען; דאָס פרידזששטיבעל—מיט קאַרטען א. ז. וו. דאַן איז דאָרט פערהאַן אַ לאַגער פון כל מינים שהוא. איהר קענט דאָרט קויפען פון אַ גאָדעל ביז סחורה אויף אַנ׳אַנצוג, און די עקספּעדיענטקעס זענען גראַד זעהר סימפּאַטישע, זיי פוילען זיך נישט און טאָמער דערזעהן זיי אַ קונה, הויבען זיי איהם אָן צו קאָקעטירען, מאַכען חנ׳דלעך, אַז דו וועסט זיך בשום אופן נישט אַרויסדרעהען, נישט קויפענדיג. דער עולם קויפט טאַקי אָדער שפּיעלט אויף דער פאַנטען-לאָטעריע. אויך לאָזען זיך די בעזוכער וואויל געהן ביים בופעט, אין דאַנסינג, און ועל כולם – ביים ברידזש, וואָס איז נאָך אַלץ דער כח המושך.

דער „קערמאַש״ איז אַ גרויסער אויפטהו און עס מוז בעוואונדערט ווערען דער אונטערנעהמונגס - גייסט פון די מענשען, וועלכע האָבען געאָפּפערט אַזוי פיעל מיה און אָנשטרענגונג, איבערהויפּט די דאַמען, וועלכע זיצען דאָרט פיעל-פיעל שעה׳ן און אַרבייטען בשלימות, כדי דער „קערמאַש״ זאָל האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג.

אָהן חניפה מוז מען מודה זיין, אַז דער „קערמאַש״ אין יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום איז ווירקליך וואונדערבאַר.

דאָס איז אַ גוטער סימן.

דער קאַמף צווישען די בעלי-בתים און לאָקאַטאָרען איז שוין אַ בעוואוסטע זאַך. דער לאָקאַטאָר קוקט אויף דעם ווירט ווי אויף אַ פּיאַווקע, וועלכע זויגט פון איהם אויס דעם מאַרך פון די ביינער און דער בעל-הבית זעהט ווידער אין לאָקאַטאָר זיין שונא, וואָס וואָלט איהם געוואָלט אומגליקליך מאַכען.

זעלטען טרעפט אָבער, אַז לאָקאַטאָרען זאָלען זיך בעציהען מיט ליעבע צו זייער הויט-שינדער, ווי זיי רופען אָן די בעלי-בתים און אויב עס טרעפט זיך אַזאַ פאַל, ווען לאָקאַטאָרען ריהמען זייער בעל-הבית, איז עס אַ זעלטענהייט און ווערט, אַז מען זאָל וועגען דעם שרייבען.

יענע וואָך איז געשטאָרבען די בעל-הבית׳טע פון פּילסודסקי 17 – די אַלמנה ווינער, האָבען די לאָקאַטאָרען זעהר געטרויערט, ווייל זי האָט זיך בעצויגען מיט רחמנות צו איהרע לאָקאַטאָרען, נישט עקסמיסירט קיינעם און זאָגאַר קיינעם נישט פערקלאָגט; האָבען זיי איהר געגעבען אַ קראַנץ אַלס סימן פון טרויער און מיטגעפיהל.

היינטיגע צייטען, אַז דאָס קאָן פּאַסירען, איז עס טאַקי אַ גוטער סימן.

דער שומר הגן מיט׳ן הונד.

דער נייער פּאַרק, וועלכער איז שטענדיג זומער-צייט געווען אָפען ביז 11, איז היינט נאָר אָפען ביז 10 אָווענד. מילא, וועלען די כוליגאַנעס האָבען אַ שעה ווייניגער די מעגליכקייט צו שלאָגען די יודישע שפּאַצירענדע. אָבער דער שומר הגן בעגעהט זיך שוין אַביסעל צו-שאַרף מיט די פּאַרק-בעזוכער. (מיר שמועסען וועגען יודישע פערשטענדליך) און עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז זיין העכערע מאַכט זאָל איהם וועגען דעם אויפמערקזאַם מאַכען.

ווי מען גיט אונז איבער, טרעפט דאָס זעהר אָפט, אַז ווען דער שומר זעהט, דאָס אַ יודיש פּאָרל שפּאַצירט אַרויס פון פּאַרק, פערמאַכט ער דאָס טויער און לאָזט אָב דעם הונד. ממילא דערשרעקען זיך די יודען און דער פּאַסקודנער סטרוזש ווייזט זיך אויפ׳ן חשבון פון די יודישע בעזוכער.

זאָל אונז גאָט אָבהיטען פון אַזעלכע היטער, איבערהויפּט פון הינד...

יאַק בידאַ, טאָ דאָ – „ברית-החיל״.

ווי איך האָב אויבען געשריבען, איז די היינטיגע ל״ג בעומר פייערונג פון די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס פאָרגעקומען בעזונדער, ד״ה, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט שבת פאַר זיך.

דער זאַמעל-פונקט איז געווען אין יאַסקראָווער וואַלד. די בית״ראָווצעס אין איין עק וואַלד, די אַנדערע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס אין צווייטען עק וואַלד. נאָר דאַמאָלס ערשט, ווען עס איז אָנגעקומען די שוואַרצע כמאַרע פון די כוליגאַנישע אָנפאַלען, האָבען זיך די איבריגע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס געוואַנדען צום ברית-החיל, אַז זיי זאָלען זיי געמען אונטער זייער שוץ, און אָהיימגעהן מיט זיי צוזאַמען.

אונזערע ברית-החילניקעס, כאָטש זיי האָבען געהאַט גענוג אורזאַכען אָבצוּוואַרפען די דאָזיגע פּראָפּאָזיציע – זענען זיי דאָך אָבער יודישע גוזלנים!—האָבען זיי די דאָזיגע ביטע נישט אָבגעזאָגט.

דאָס דאַרף אָבער זיין אַ מוסר-השכל, אַז בעסער איז שטענדיג, ווען אַלע יודען האַלטען זיך לכתחילה צוזאַמען און נישט ערשט דאַמאָלס, ווען די סכנה לויערט און די שווערד ליגט שוין אויפ׳ן האַלז.

ווי זאָגט איהר. יאַק בידאַ טאָ דאָ – ברית-החיל.

אַז עס קאָסט קיין געלד נישט...

אין די גאַסען האָבען זיך בעוויזען אַפישען, אַז שבת און זונטאָג, אין די אָנגעוויזענע שעה׳ן, וועלען אין דער שטאָדט-שוהל, ווי אויך אין דער נייער שוהל רעדען שליחים פון דער בעוואָוסטער ישיבה אין „מיר״ וועגען אונטערשטיצען די ישיבה, וואָס געפונט זיך אין אַ קריטישען צושטאַנד.

שבת, איז געווען געמאָלדען, וועט מען רעדען אין דער שטאָדט-שוהל און זונטאָג – אין דער נייער שוהל.

שבת צו דער בעשטימטער שעה איז די שטאָדט-שוהל געווען איבערפולט פון צוהערער. אַ פּאָר צענדליג פרויען האָבען זיך ממש געבעטען, אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזען אין די עזרת נשים. דאַגעגען, צומאָרגענס, זונטאָג איז אין דער נייער שוהל געקומען גאָר אַ קליינער עולם.

איז דאָך אַ וואונדער, פאַרוואָס אין דער שטאָדט-שוהל איז געקומען אַ גרויסער עולם און אין דער נייער שוהל אַ קליינער. שמועסען די יודען אין דער אַלטע וועגען דעם און זאָגען אַרויס פערשידענע השערות. אַ טייל זאָגען, אַז מען איז נישט געקומען אין דער נייער שוהל, ווייל דער יודישער עולם האָט געמיינט, אַז מען וועט רעדען פּויליש, און די אַריסטאָקראַטיע ווידער האָט געמיינט, אַז מען וועט רעדען יודיש, און זיי קאָנען נישט דערלויבען, אַז מען זאָל די שוהל פערפּאַסקודזיען מיט... יודיש.

עס זענען אָבער פערהאַנען אַ יש אומרים, וועלכע טענה׳ן אַזוי צו זאָגען: שבת איז מען געקומען אין שוהל אַריין, גאָר פּשוט, ווייל ס׳איז שבת, האָט מען געוואוסט, אַז קיין געלד וועט מען נישט דאַרפען געבען, דאַגעגען זונטאָג האָבען זיי מורא געהאַט, אַז זיי וועלען נישט דאַרפען בלויז הערען, נאָר אויך צאָהלען און דאָס איז נישט בעקוועהם...

איך האַלט אויך מיט דער דאָזיגער טענה. יודען קומען נאָר דאַמאָלס אין די גרויסע מאַסען, ווען עס קאָסט זיי נישט קיין געלד...

לויתן

אל. אלעקסאנדראָוויטש,
פרעסע-רעפערענט פון מכבי-פערבאַנד אין פוילען.

באָקס און יודען.

(צו די פאָרשטעהענדע אין טשענסטאָכאָוו באָקס-מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון מכבי-פערבאַנד אין פוילען).

נישטאָ כמעט קיין גרעסערער יודישער ספאָרט-קלוב אין פוילען, וועלכער זאָל נישט בעזיצען קיין באָקסער-סעקציע.

און דאָס איז אַ זעהר ערפרעהענדע ערשיינונג, ווייל באָקס ווירקט גינסטיג אויף די געשטאַלטונג פון בוי פון מענשליכען אָרגאַניזם און אין גייסטיגער הינזיכט ענטוויקעלט ער אינערליכע זיכערקייט, שנעלע אָריענטאַציע און, וואָס איז אם וויכטיגסטען, אונגערשיטערטען מוט.

די פעראינטערעסירונג פון דער יודישער ספאָרט-יוגענד מיט באָקס האָט זיך אָנגעהויבען פון יאָהר 1892, ווען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער היינט הערשענדער סטיל פון באָקס-קאַמפען — אין לעדערנע הענדשקעס. פון דאָזיגען יאָהר אָן האַלטען יודישע באָקסער אָב אויף דער וועלט-אַרענע פון צייט צו צייט גרויסע זיעגען, וועלכע געפונען זייער אויסדרוק אין דער צאָהל פון 18 יודישע וועלט-מייסטער אויף געביעט פון באָקס ביז היינט צוטאָג.

אַ קרוין פון טעכניק און קראַפט פון יודישער פויסט איז געוועזן דער גלענצענדער באָקס-דועל צווישען שמעלינג'ן און מאַקס בער'ן אין פערגאַנגענעם יאָהר אין ניו-יאָרק וועגען וועלט-מייסטערשאַפט, בעת וועלכען דער יודישער גבור האָט אויף אַ געלונגענעם אופן בעזיעגט דעם מייסטער פון היטלער-לאַנד, קעמפענדיג פאַר'ן יודישען כבוד.

און אויב מיר וועלען נאָך דערמאָנען די נעמען פון קינג-לעווינסקי, מאַקס ראָזענבוים. דזשעק בלומפיעלד און פיעל אנדערע, דאַן פערשטעהען מיר, וואָס פאַר אַ קראַפט יודען פערטרעטען אויף דער וועלט-אַרענע פון באָקס.

אויך אין פוילען האָבען מיר אויפ'ן געביעט פון באָקס צו פערצייכענען אַ רייהע גלענצענדע זיעגען. אין יאָהר 1925, ווען באָקס הויבט ערשט אָן אַריינצודרינגען אין די יודישע ספאָרט-קלובען אין פוילען, עררייכט דער ספאָרטלער מאַגיד דעם טיטול פון מייסטער פון וואַרשא אין פליעגען-געוויכט. איינינגע מאָנאַט שפעטער האָלט די באָקסער-מאַנשאַפט פון י. ט. ס. פ. „מכבי" אין וואַרשא אָב אַ רייהע אינטערעסאַנטע זיעגען מיט אַנקער'ן, פירנצווייג'ן און אַנדערס'ן אין דער שפיץ. עס געהט פערביי נאָך אַ געוויסע צייט און אין יאָהר 1932 בעזיצט וואַרשא 4 יודישע מייסטער אויפ'ן געביעט פון באָקס אין פערשידענע געוויכטען: באָרנשטיין, אַגדערס, וויסאָצקי, פין. לעצטענס איז בעריהמט געוואָרען דער וואַרשעווער באָקסער ראָטהאָלץ צוליעב זיין גלענצענדען זיעג איבער'ן דייטשען באָקסער שפּאַנאַגעל.

זעלבסטפערשטענדליך, דאָס די ערפאָלגען פון די יודישע באָקסער אין וואַרשא געפונען אַנ'אָבקלאַנג אין דער טעטיגקייט פון די ספאָרט-קלובען אויף דער פראָווינץ. און דעריבער ווען עס זענען געמאַכט געוואָרען פאָרבערייטונגען צו שאַפען אַ רעפּרעזענטאַנץ פון באָקסער צו דער ערשטער מכביה אין תל-אביב האָט זיך די לייטונג פון מכבי-פערבאַנד געפינען אין אַ שווערער לאַגע צוליעב דער גרויסער צאָהל קאַנדידאַטען, ווייל אויסער וואַרשא, האָבען אויך לעמבערג, לאָדז, לובלין און אַנדערע פראָווינץ-שטעדט אַרויסגעשטעלט אויסגעצייכענטע באָקסער.

די קאַמפען פון דער באָקסער-רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישען „מכבי" אויף דער מכביה זענען געוועזן פאַר'ן יודישען ספאָרט אַ גרויסער טריומף. אָבער נאָך דער מכביה האָט פוילען געמוזט שאַפען אַ נייעם באָקסער - מאַטעריאַל, ווייל די בעסטע באָקסער זענען פערבליבען אין א"י. און אויך דער נייער דור פון באָקסער האָט געוויזען אַנ'אויסגעצייכענטע פאָרם בעת די מכבי-וועלט-שפּילען אין פּראַג אין פערגאַנגענעם יאָהר.

אין יאָהר 1933 זענען אין לעמבערג פאָרגעקומען די ערשטע באָקס-מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון מכבי-פערבאַנד אין פוילען, וועלכע האָבען געגעבען אַנ'אָבשפּיגלונג פון דער ענטוויקלונג פון דאָזיגען ספאָרט אויף דער יודישער גאַס. היינט ערוואַרטען מיר מיט אונגעדולד די רעזולטאַטען פון דער באַטאַליע, וועלכע וועט זיך אָבשפּיעלען אין טשענסטאָכאָוו מאָרגען דעם 12 און זונטאַג; דעם 13 מאַי בעת די צווייטע באָקס מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון מכבי-פערבאַנד.

עס וועט זיין אַ העכסט - וויכטיגע ספאָרט - אימפּרעזע מיט'ן אַנטייל פון פיעל שטעדט, וועלכע האָבען ביז היינט נישט געהאַט די מעגליכקייט אויפצוטרעטען אויף אַ ברייטערער ספאָרט אַרענע און געהעריג צו קאָנטראָלירען די רעזולטאַטען פון זייער מיהזאַמער אַרבייט. און עס וועלען אויסגעפינען ווערען די יודישע גבורים, וועמען עס דאַרף אָנפערטרויט ווערען די פעראַנטוואָרטליכע מיסיע צו פערטרעטען אין קינפטיגען יאָהר דעם יודישען צבור אין פוילען אויף דער צווייטער מכביה אין א"י.

העלענאַ וויערושביצקאַ נ"ע.

אַ בעזונדערער טיפּ איז זי געוועזן — די בעוואוסטע, איבערגעגעבענע גאָטזעליגע כלל-טהוערין—העלענאַ וויערזשביצקאַ.

די פערשטאָרבענע איז געוועזן איינע פון די געצעהלטע פרויען אין אונזער שטאָדט, וועלכע האָט אונאויפהערליך טיכטיג און פלייסיג, מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט געאַרבייט אויפ'ן געזעלשאַפטליכען געביעט. אַלס אַ טאָכטער פון בעוואוסטען גרויסען ראַבינער, ד"ר דאַנקאָוויטש, האָט זי זיך אָנגעזאַפּט און איינגעאיבט אין איהרע יונגע יאָהרען מיט אמת'ע יודישע מידות טובות, מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכער גוטהאַרציגקייט, וועלכע זי פלעגט איינפלאַנצען אין די הערצער פון אַלע איהרע סביבה-מענשען. זייענדיג אַנ'איידעלע הויך-אינטעליגענטע פרוי, האָט זי אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף די רייכסטע און געבילדעטסטע ספערען אין אונזער שטאָדט און זיי צוגעצויגען צו כלל-טהוערישער טעטיגקייט.

אַ גוטע איידעלע נשמה איז די פערשטאָרבענע געוועזן, זי האָט געפלעגט תמיד אָבצוגעבען זיך מיט די אָרימסטע, נידריגסטע ספערען אין אונזער שטאָדט. תמיד זענען איהרע טהירען געוועזן אָפען, יעדען טאָג, שבת, יום טוב פאַר אַלע גויט - בעדערפטיגע יודען. זי האָט נישט געשפּאָרט קיין מיה און אַרבייט, געלאָפען און געוועקט אַלע פערשטיינערטע הערצער און אַרויסגעהאָלפען יעדען נויטליידענדען, וויפיעל ס'איז נור געוועזן איהר יכולת. אַ רייהע יאָהרען האָט זי זיך פערנומען מיט פילאַנטראָפּישער אַרבייט. ספּעציעל אָבער האָט זי קאָנצענטרירט איהר טעטיגקייט אַרום דער אַכראַנקע און די זומער-קאָלאָניעס. ווער ס'האָט נישט געזעהן די פרוי וויערזשביצקאַ, בעת זי איז געווען צווישען די אָרימע אַכראַנקע-קינדערלעך, איהר פריידיגע, שמייכלענדע אויגען, זעהענדיג, אַז זיי זענען בעזאָרגט ווי געהעריג מיט עסען און זויבערע קליידונג — האָט קיין טיפּישע, אמת'ע, יודישע, איבערגעגעבענע כלל-טהוערין נישט געזעהן.

לאַנגע, לאַנגע יאָהרען וועט די היגע אָרימע יודישע בעפעלקערונג פיהלען דאָס פעהלען פון דער דאָזיגער איידעלער, גוטהאַרציגער פרוי.

„חבל על דאבדין"!

אַ נחת-רוח קען נור דעמאָלס איהר נשמת האָבען, ווען די היגע יודישע פרויען וועלען געהן גראַד-ליניג און איהרע דרכים, פערפולקאָמען און פאָרטזעצען איהר כלל - טהוערישע טעטיגקייט.

„יהי זכרה ברוך"!

ב. וויינבערג

די פייערליכע ערעפנונג פון „פריהלינגס-קערמאַש" אין היגען יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום.

פעראַנגענעם שבת אָוונד איז אין די זאַלען פון היגען יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון לאַנג-ערוואַרטעטען פריהלינגס-קערמאַש, צו וועלכען עס איז געקומען אַ גרויסע צאָהל פערבעטענע געסט פון דער טשענסטאָכאָווער „עליטע".

געעפענט די פייערונג האָט דיר. ליליען, וועלכער האָט געלעגענהייטליך געהאַלטען אַ קורצען רעפעראַט וועגען דער בעדייטונג פון בילדונג ביי יודען און די געוואַלדיגע אויפגאַבען פון יודישען גימנאַזיום, וואָס איז דער ווערקשטאַט פון נייעם, יונגען יודישען דור, וועלכער וועט ערציגען אַלס רייפע מענשען און גוטע נאַציאָנאַלע יודען. דאַן וועגען דעם גימנאַזיום גופא, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט קיין רוחים פון פריוואַטען כאַראַקטער, נאָר האָט אַ געזעלשאַפטליכע בעדייטונג און דעריבער דאַרף עס אונטערשטיצט ווערען פון דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט.

ביי אַ זעהר פייערליכער שטימונג שפּיעלט דאַן דער אָרקעסטער דעם פוילישען נאַציאָנאַלען הימן און די „התקוה", נאָך וואָס די אָנוועזענדע געהען אַריבער אין צווייטען זאַל, וואו פרעז. מאָוריצי נייפעלד שניידט איבער, נאָך אַ קורצער רעדע, די בענדער, וואָס פיהרען אין די זאַלען פון באַזאַר. דער קערמאַש איז אַזוי אַרום אָפיציעל געעפענט און דער עולם לאָזט זיך אַריין בעוואונדערן די אויסגעשטעלטע זאַכען.

דער קערמאַש געפינט זיך אין מעהרערע זאַלען. אין עטליכע פון זיי געפינען זיך די סטאַנדען מיט סחורות, ווי אויך אַ זעהר רייכע פאַנטען-לאָטעריע; אין אַנדערע צימערען געפינען זיך די בופעטען מיט טישלעך, וואו דער עולם קאָן זיך אָברוהען און געניסען פון די צוגעגרייטע מאכלים. עס פעהלט אויך נישט אַ זאַל צום טאַנצען מיט אַ גוטען אָרקעסטער און אַ ברידזש צימער פאַר די, וואָס ווילען „מאַכען אַ קאָרטיל".

די זאַלען זענען וואונדערבאַר דעקאָרירט דורך פּראָפ. ווילענבערג און ה' וואַטענבערג. אויך די באַזאַרען זענען געשמאַקפול איינגעאָרדענט און ווען עס הערט זיך דער אָרקעסטער פונ'ם דאַנסינג-זאַל פאַלט דער עולם אַריין אין אַ יום - טוב'דיגע שטימונג און לאָזט זיך וואוילגעהן. איינער קויפט סחורות, אַנדערע בעלאַגערען די פאַנטען-לאָטעריע, וועלכע האָט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג און אַ טייל זיצען ביים בופעט און קאָנטומירען. נאָך אַנדערע כאַפּען אַ טענציל אָדער זעצען זיך אַוועק שפּילען אַ ברידזש. מיט איין וואָרט: די פייערליכע ערעפנונג פון דעם פריהלינגס-קערמאַש האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַל גוטען איינדרוק אויף אַלע אָנוועזענדע, וועלכע האָבען זיך געשמאַק געוויילט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער קערמאַש האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע פעראינטערעסירונג ביי דער גאַנצער היגער יודישער בעפעלקערונג און אַ גאַנצע וואָך אָנהויבענדיג פון 4 נאָכמיטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט שטראָמען מאַסען מענשען צום פריהלינגס קערמאַש פון גימנאַזיום, וואו זיי פערברענגען עטליכע שעה אין אַ געמיטליכער נחת-רוח'דיגער שטימונג און העלפען גלייכצייטיג מיט, אַז די קאַסע פון דער נוצליכער אינסטיטוציע זאָל בעדייכערט ווערען און קאָנען ערפילען איהרע הומאַניטאַרע און געזעלשאַפטליכע אויפגאַבען לגבי דער יודישער שטודירענדער יוגענד.

BŁĘKITNA...

W sobotę 19 maja 1934
punkt. o godz. 3 pp. odegrana zostanie staraniem Samorządu Uczn. przy Szkole Koedukacyjnej ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY w sali kina „ATLANTIC" cudowna baśń—operetka o źródełku p. n. „Błękitna". Ilustracja muzyczna prof. I. Zaksa. Powtórzony też
będzie na ogólne żądanie
„Sejm dzieci" Korczaka
Dochód przeznaczony na cele Samorządu. Przedsprzedaż biletów w szkole, aleja 20 (tel. 10-78) codziennie od 13—14 i 18—20.

אויספלוגען-קאַלענדאַר פון דער יוד. געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט.

1) שבת, דעם 12 ד. ח. 11 אַ זייגער פריה וועט פאָרקומען אַנ'אויספלוג אין קלאַנג-קינאָ „עדען".

2) זונטאַג, 13 ד. ח. 6.15 פריה — אַנ'אויספלוג נאָך אָלשטין. אָבצאָהל פאַר'ן אויספלוג 1 זל.

3) אויף שבועות ווערט איינגעאָרדענט אַ 3-טאָגיגער טוריסטישער אויספלוג נאָך וויסלאַ (שלעזישער בעסקיד). איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט יעדען טאָג פון 8-30 ביז 9-30 אָוונד.

קליינער פעליעטאָן.

זי האָט אויסגעפיהרט...

— אָווא, אַ גאַסט — האָב איך מקבל פנים געווען מיין שכן יעקב יודל, וועלכער האָט „בעוויליגט" נאָך אַ לענגערער צייט מיר צו מאַכען אַ וויזיט. — מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען. אדרבה רעדט, דערצעהלט, אפשר וועל איך פון דעם קאָנען מאַכען אַ פעליעטאָן, כ'לעבען, מיינע לעזער, איבערהויפּט די יודעלעך, וואָס זיצען אין דער ערשטער אַלעע אויף די בענק, בענקען שוין ממש נאָך אייך, נאָך אייער'ס אַ וואָרט.

— איך בין געקומען—שטאַמעלט נישט דרייסט אַרויס מיין שכן—נאָך אַ גמילות חסד, איך דאַרף האָבען נויטיג כאָטש אַ הונדערטער, אַז נישט בין איך מיט'ן לעבען נישט זיכער. דערבאַרימט אייך —רעדט ער מיט טרעהרען אין די אויגען—זאָגט מיר נישט אָב.

איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין יעקב יודל'ען און דערקען איהם נישט. דאָס פנים בלאַס, אויסגעקרומט, די אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען און די שטימע שוואַנקט. עפּיס גאָרנישט דערזעלבער יעקב יודל, וואָס אַלעמאָל.

— צו וואָס דאַרפט איהר געלד—פרעג איך ביי מיין שכן און ענטשולדיג זיך באַלד ביי איהם פאַר מיין נישט-דיסקרעטער פראַגע—אויב איהר דאַרפט עס אויף וואָהלען, וועט איהר עס ביי מיר נישט בעקומען, ווייל איך וויל נישט זיין דער המביא לידי עבירה, ווייל דאָס געלד, וואָס מען גיט אויס אויף וואָהלען איז אַרויסגעוואָרפען געלד און מען איז עובר אויף בל תשחית.

— וואָס? — שטעלט אויס מיין שכן אַ פּאָר אויגען — אויף וואָהלען, אויף וועלכע וואָהלען? וואָס איז אייך עפּיס איינגעפאַלען וואָהלען?

— ע — זאָג איך — כ'האָב געמיינט אַז אַזוי ווי איהר זענט אַנ'אונפּאַרטייאישער חסיד און אייערע „ליובאַוויטשער" און „פּיאָטרקאָווסקער" חסידים שוויצען אַזוי אַרום ביי די יעצטיגע וואַהלען צום שטאָדט-ראַט, וואו זיי ווילען אַדורכפיהרען כאָטש 7 מאַנדאַטען, האָב איך געמיינט, אַז איהר דאַרפט האָבען געלד אַדורכצופיהרען די וואַהל-אַקציע.

— וואָס אייך פעלט איין—ענטפערט מיר יעקב יודל—וועמען ליגען אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטען; אויסער די קאָכלעפיל, וועלכע האָבען ליעב צו מישען אין די קהל'שע טעפּ, קומט עס קיינעם נישט אויפ'ן זינען. און דאָס, וואָס איהר זאָגט וועגען מיינע ליובאַוויטשער אָדער פּיאָטרקאָווסקער חסידים, זענען זיי אַזוי מיין, ווי אייערע. איבערהויפּט וועל איך אייך זאָגען דעם אמת, אַז דער גאַנצער ענין וואָהלען ליגט קיינעם נישט אין דער רעכטער פּיאה. איך גלויב נישט—זאָגט ווייטער מיין שכן—אַז אויב עס וועלען זיין 2 יודישע ליסטעס, זאָל בכלל עמיצער געהן צו די וואָהלען. צו וואָס טויג דאָס אונז? ווייניג שמוץ האָבען מיר אויף דער יודישער גאַס, דאַרף מען עס נאָך צוגיסען ביי די וואָהלען?! איבערהויפּט גלויב איך נישט, אַז מיר וועלען עפּיס אַדורכפיהרען, טאָ צו וואָס טויג עס, אַז עס זאָל זיין פוילע פיש געגעסען און פון דער שטאָדט אַרויסגעטריבען... אויב איך דאַרף האָבען אַ הונדערטער, איז עס נישט אויף קיין שום וואַהלאַגיטאַציע און נישט אויף קיין אַנדערע פּאָליטישע שמאָנצעס, נאָר איך דאַרף עס האָבען, אוי-וועה איז מיר!—גיט מיין שכן א זיפץ—פאַר מיין ווייב, כדי זי אוועקצושיקען אויף דאַטשע.

— וואָס-עפּען איך אויף אַ מויל—אייער בילה יענטע דאַרף גאָר אַ דאַטשע? מענש איינער-שריי איך, ווי נישט מיט מיין קול—פון ווען אָן איז דאָס אייער יענטע געוואָרען אַנ'אינטעליגענטקע, וואָס דאַרף האָבען דאַטשעס און דאָס פּונקט אין אַזאַ ביטערער צייט, ווי היינט.

— אָט דאָס איז דאָך מיין אומגליק —וויינט ממש מיין שכן מיט ביטערע טרעהרען—וואָס גראָדע היינט, אין דעם גרעסטען קריזיס, איז מיין ווייב משוגע געוואָרען און האָט זיך איינגעשפּאַרט דאַטשע. עס האָבען נישט געהאָלפען אַלע מיינע אַרגומענטען וועגען קריזיס, כוליגאַנישע אָנפאַלען, זי האָט זיך איינגערעדט אַ קרענק און נאָר דאָס איינציגע וואָס קאָן זי ראַטעווען, איז אַ דאַטשע. זעהענדיג, אַז איך וועל מיט איהר גאָרנישט מאַכען, בין איך אַוועק מיט איהר צום ד"ר ז. אדרבה, האָב איך צו איהר געטענה'ט, אויב דער דאָקטאָר וועט אָנערקענען, אַז דו ביזט קראַנק, וועסטו פאָהרען. שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז ד"ר ז. איז מסכים מיט מיין מיינונג, אַז מיין בילה יענטע איז געזונט און דאַרף נישט האָבען קיין קור-ערטער. נו, האָט איהר געדאַרפט הערען ווי אַזוי מיין ווייב האָט איהם מכבד געווען. אַ דאָקטאָר איז דאָס, אַ קאָוואַל איז ער, האָט זי געשריגען. ער זאָל אַזוי כח האָבען צו האַלטען יענעמס פולס, ווי איך האָב כח צו לעבען. הקיצור מיר זענען אַוועק צום ד"ר ד. און ווידער דאָס זעלבע. דאַן זענען מיר אַוועק צום ד"ר פּ. און אַלע בפה אחד, אַז זי קאָן זיצען אין שטאָדט, ביז מיר זענען אַוועק צום ד"ר שאַכטאָנמעסער און ביי דעם אידיאָט איז מיין ווייב געלונגען אַרויסצובעקומען אַ בעשייניגונג, אַז אויב איך וויל נישט בלייבען קיין אַלמן, מוז זי שוין די טעג אַרויספאָהרען אין קור-אָרט ס. מילאַ, וויפיעל ברכות דער אידיאָטישער דאָקטאָר האָט בעקומען פון מיין ווייב, פערגין איך עס נישט היטלער'ן, נאָר צו מיר איז אַ בראָך. איך מוז מיין ווייב אַוועקשיקען, אויב איך וויל נאָך לעבען אַ פּאָר טעג אויף דער וועלט.

שטעלט אייך פאָר—זיפצט ווייטער מיין שכן—אַז פאַר די קליידלעך, וואָס זי האָט געמאַכט און איבערהויפּט פאַר דעם איבערפאַרבען די פּאַלטענס און שמאַכטעס אין דער כעמישער פאַרבעריי „בענעטאַ", האָב איך אויסגעגעבען די לעצטע גראָשענס און איצט, ווען עס איז געקומען צום רעכטען עיקר, ד. ה. אַוועקצושיקען זי, האָב איך נישט קיין איין גראָשען. דאָס גיהנום איז דעריבער גרויס, מיין ווייב קרייסט, וואָס אַ טאָג, וואָס אַ שעה, הויבט איהר עפּ'ס אנדערש אָן וועה צו טהון און נאָר זי שרייט, אַז איך וועל זי אַוועקהרגענען. האָט דעריבער רחמנות, באָרגט מיר אַ הונדערטער, כדי כ'זאָל זי אַוועקשיקען וואָס פריהער.

איך ווייס אפילו—זאָגט צום סוף מיין שכן—אַז די אַלע קרענק זענען איינגערעדטע, אַזוי למשל, ווי עס רעדט זיך איין אַ קרענק יעדער פון די צוויי יודישע וואַהל-בלאָקען, אַז 80 פּראָצענט יודען וועלען שטימען ביי די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט נאָר פאַר אָט דעם בלאָק'ס ליסטע. אָבער וואָס זאָל איך מיט איהר טהון, זי איז דאָך אַ יודענע און האָט מיך מנצח געווען —

זי האָט איהר'ס אויסגעפיהרט...

סמאַל

Puder Bebe Szofmana - [illegible]

דער גרויסער מיטינג פון קאמיטעט פאר די פליטים פון דייטשלאנד.

נעכטען פריה האט דער טשענסטאכאווער הילפס - קאמיטעט פאר די פליטים פון דייטשלאנד איינגעארדענט א גרויסען מיטינג מיט'ן אנטייל פון די דעלעגאטען פון דער ווארשאווער צענטראלע: רעד. ס. וואלקאוויטש און ה' זונדעלעוויטש.

די חשוב'ע געסט זענען געקומען קיין טשענסטאכאוו נאך מיטוואך און דערמזועלבען אווענד האבען זיי אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין פאר א רייה איינגעלאדענע געסט געשילדערט דעם מצב פון דער יודישער אנטי-היטלער-אקציע, אבשטעלענדיג זיך בעזונדער אויף די פערשידענע געגוג פערוויקעלטע פראבלעמען פון באיקאט און פון דער הילפס-אקציע לטובת די פליטים.

אויפ'ן נעכטיגען מיטינג, וועלכער איז אונטער'ן פארזיץ פון דר. הירשבערג פארגעקומען אין קינא „לונא", האט דער ערשטער גענומען דאס ווארט ה' זונדעלעוויטש, וועלכער האט אין א שעהנער פוילישער שפראך געשילדערט די טרויעריגע לאגע פון די פוילישע פליטים פון דייטשלאנד און דאן אנאליזירט די פערשידענע מעגליכקייטען צו-הילף צו קומען די פוילישע יודען, וואס האבען געמוזט ענטלויפען פון דייטשלאנד. דער רעדנער קומט צום אויספיהר, אז אונזערע אומגליקליכע ברידער האבען נאר איין אויסוועג: זיך איינצוארדנען ביי פראדוקטיווער ארבייט אין פוילען. צו דעם צוועק מוזען אבער געשאפען ווערען געהעריגע מיטלען. אין דער הינזיכט איז אבער אין טשענסטאכאוו ביז-איצט זעהר ווייניג געטהון געווארען. ס'איז געזאמעלט געווארען אין משך פון יאהר סך-הכל ארום 7000 זלאטעס, צו וועלכע ס'האבען בייגעטראגען נישט מעהר ווי 288 שפענדער. פאר אזא שטאדט ווי טשענסטאכאוו איז עס ווייניג און דעריבער מוז אונטערגענומען ווערען א נייע, ענטשפרעכענד ארגאניזירטע זאמעלאקציע.

דאן האט א לענגערן שעהן-געבויטען רעפעראט געהאלטען רעד. וואלקאוויטש, ווידמענדיג איהם הויפטזעכליך דער פראגע פון באיקאט.

דער רעדנער הויבט אן זיין רעפעראט מיט א שילדערונג פון דער טראגעדיע פון די דייטשע יודען, וועלכע זענען פון פול - בערעכטיגטע בירגער פערוואנדעלט געווארען אין איבריגע מענשען, וואס ווערען בעהאגדעלט דורך דער היטלער-רעגירונג פיעלמאל ערגער ווי די נעגערס אין אמעריקא.

היטלער—זאגט ווייטער רעד. וואלקאוויטש—האט אין זיין פראגראם בוך „מיין קאמף" פיעל פערשפראכען דעם דייטשען פאלק. איינציגווייז האט ער אבער פון אלעם געמוזט רעזיגנירען סיי בנוגע די מערב און מזרח-גרעניצען, סיי בנוגע דעם „אנשלוס" א.ז.וו. אויך זיין צוזאג צו פערבעסערן די עקאנאמישע לאגע אין דייטשלאנד קאן ער נישט האלטען און ס'איז איהם נישט מעהר געבליבען ווי איין אנהאלט-פונקט — דער ריקזיכטלאזער קאמף געגען די יודען, וועלכען ער פיהרט אדורך מיט דער גאנצער אכזריות'דיגקייט.

געגען דעם דאזיגען קאמף האבען מיר איין-איינציג ווירקזאם מיטעל — דעם באיקאט אויף דייטשע סחורות, מיט דער הילף פון וועלכען מיר מוזען דערפיהרען צום צוזאמענברוך פון דער ווירטשאפטליכער לאגע אין דייטשלאנד, כדי צו עפענען די אויגען פון די דייטשע מאסען אויף היטלער'ס דייטשלאנד.

אז דאס דאזיגע מיטעל האט די ריכטיגע פעולה איז צו זעהן דערפון, אז אין משך פון יאנואר און פעברואר אין פערגלייך מיט דיזעלבע חדשים אין 1933 איז דער אימפארט פון דייטשלאנד נאך פוילען געפאלען מיט 45 פראצענט און דאס איז אין א גרויסער מאס א פועל-יוצא פון דער יודישער באיקאט-אקציע, וועלכע מוז אלזא פארטגעזעצט ווערען מיט דער אנשטרענגונג פון אלע כוחות ביז אנ'ענדגילטיגען זיעג.

נאכדעם ווי רעד. וואלקאוויטש ענדיגט זיין אינטערעסאנטען רעפעראט אונטער לאנג-דויערענדע אפלאדיסמענטען, לעזט ד"ר הירשבערג פאר די געהעריגע רעזאלוציע, וועלכע ווערט אנגענומען דורך די פערזאמעלטע און דער מיטינג ווערט דערמיט געשלאסען.

כוליגאנישער אנפאל אויפ'ן אויספלוג פון דער רעוויזיאניסטישער יוגענד.

אויף זונטאג, דעם 6 מאי איז היי-יאהר בעשטימט געווארען איינצוארדנען דעם ל"ג בעומר-אויספלוג פון די רעוויזיאניסטישע יוגענד ארגאניזאציעס.

דער ציעל פון אויספלוג איז געווען דער יאסקראיוער וואלד, וואו די יוגענד האט פרעהליך פערבראכט דעם טאג.

ארום 5 א זייגער נאכמיטאג, ווען דער אויספלוג האט פערלאזט דעם יאסקראווער וואלד, כדי זיך אומצוקעהרען אין שטאדט אריין, זענען די אנטיילנעמער פון אויספלוג בעפאלען געווארען אין דארף וויטשערפי דאלנע דורך א גרויסען המון כוליגאנעס מיט שטעקענס, מעסערס און שטיינער. א דאנק דער בעזונדערס טיכטיגער הילף פון די פאליציאנטען, וועלכע זענען דורך ה' מאוער און פרעזעס ש. ניעמיראווסקי געבראכט געווארען פון ערשטען קאמיסאריאט און אין א גרויסער מאס א דאנק דער ענערגישער און מוטיגער האלטונג פון דער גרופע „ברית החיל", וועלכע האבען העלדיש בעשיצט זייערע יונגערע חברים, איז געלונגען די אנפאלער אבצושטויסען און דעם גאנצען אויספלוג בשלום צו ברענגען אין שטאדט אריין.

בעת דעם אנפאל איז איינער פון די פאליציאנטען פערוואונדעט געווארען מיט א מעסער אין פנים. צוויי כוליגאנעס זענען פערהאלטען געווארען אויפ'ן ארט פון אנפאל און זיי זענען איבערגעפיהרט געווארען אין קאמיסאריאט אריין.

בעת'ן צוריקפאהרען אין שטאדט אריין איז אין דער סומאטאכע דער אויטא ארויף אויפ'ן ציקליסט לעווקאוויטש (קראטקא גאס), וועלכער איז פון צוזאמענשטויס גרויסנעווארפען געווארען אין דער לופט איבער'ן אויטא און זיך פערוואונדעט אין קאפ.

שוין נאכ'ן אדורכגעהן פונ'ם צוג זענען די כוליגאנעס בעפאלען דריי הינטערשטעליג געבליבענע מיטגלידער פון דער קבוצה „גרוסמניה" אין בלעשנא און זיי פערוואונדעט: די פערוואונדעטע האט אויפגענומען אויף זיין פוהר און אהערגעבראכט אין יודישען שפיטאל א פערבייפאהרענדער יוד פון רענדזשין, וועלכען די כוליגאנעס האבען אויך נישט געשוינט. איינער פון די חלוצים איז געווארען שווערער פערוואונדעט און ער איז גלייך אפעפירט געווארען דורך ד"ר מיקולסקי. זיין צושטאנד האט זיך בעדייטענד פערבעסערט און אין די נאהנטסטע טעג וועט ער שוין פערלאזען דאס שפיטאל.

פאליציי פיהרט אנ'ענערגישע אויספארשונג, כדי צו בעשטראפען די ארגאניזאטארען פון אנפאל, וועלכע זענען געוועזן, וואהרשיינליך, אבוויצפאלטשיקעס פון טשענסטאכאוו.

אנגעהויבען זיך די וואך פון ל. א. פ. פ.

נעכטען האט זיך אנגעהויבען די עלפטע פראפאגאנדע וואך פון ל.א.פ.פ.

די פייערונגען האבען זיך אנגעהויבען מיט תפילות אין ביידע שוהלען, וואו ס'האבען זיך פערזאמעלט די ארגאניזאציעס און שול-יוגענד. רעדעס מעינגא דיומא האבען געהאלטען אין דער שטאדט שוהל — דער רב ר' נחום אש און פראפ. מינצער, אין דער גייער שוהל — ד"ר הירשבערג.

נאך די תפילות האט זיך פארמירט א קאלאסאלער, אימפאזאנטער צוג פון די ל.א.פ.פ.-קרייזלעך אין די שולען, ארגאניזאציעס, גרויסע פאבריקען א. א. וו. צום סוף האבען מארשירט גרופעס אין גאז-מאסקעס, ספעציעלע אנטי-גאז קאסטיומען, מיט פערשידענע רעטונגס-איינריכטונגען א.א.וו. אין צוג האבען זיך אויך בעטייליגט די ל.א.פ.פ. קרייזלעך פון יודישען גימנאזיום, פרל. וויינשטאק'ס שולע, האנדוועריקער שולע, פאוושעכנע שולען, רעזערוויסטען פעראיין און „ברית החייל".

דער צוג האט מארשירט אונטער די קלאנגען פון עטליכע ארקעסטערס איבער די אלעען צום נייעם מארק און איז געווען אזוי גרויס, אז ווען די לעצטע פון צוג האבען זיך נאך געפונען אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ, איז דער שפיץ פון צוג שוין צוריקגעקומען צום דאזיגען פלאץ.

צוגרייטונגען צו די באקס-קאמפען ווענען די מייסטערשאפט פון „מכבי" אין פוילען.

דעם 12 און 13-טען מאי וועלען אין טשענסטאכאוו פארקומען באקס-קאמפען ווענען דער מייסטערשאפט פון פערבאנד „מכבי" אין פוילען. דאס וועלען גלייכצייטיג זיין עלימינאציע-קאמפען צו דער מכבי'אדע, וואס וועט פארקומען אין תל-אביב אין יאהר 1935. די ארגאניזאציע פון די פערמעסטונגען ליגט אין די הענד פון טשענסטאכאווער „מכבי", און וועמענס לאקאל אויף קאטעדראלנא 13 די קאמפען וועלען פארקומען.

דערווייל האבען זייער אקצעס צו די פערמעסטונגען געמאלדען אויסער'ן היגען „מכבי" פאלגענדע ספארט-קלובען: 1) „מכבי" ווארשא, 2) „האסמאנעא" לעמבערג, 3) „בר-כוכבא" פויזען, 4) „יודישער ספארט-קלוב" קאטאוויץ, 5) „מכבי" קאליש, 6) „בר-כוכבא" ווארשא, 7) „בר-כוכבא" לאדז. עס ווערען נאך ערווארט מעלדונגען פון קלובען פון אנדערע שטעדט.

ס'ווערען אויך ערווארט מיטגלידער פון פרעזידיום פון פוילישן „מכבי" און א רייה ספארט-טהוער פון פערשידענע שטעדט פון לאנד.

נאך איין וואך...

שבת, דעם 19 ד. ח. וועט אויפטרעטען דער בעוואוסטער קינדער-אנסאמבל פון פרל. וויינשטאקס שולע מיט א שעהנער אפערעטקע וועגען א קליינעם קואל, וועלער ווערט, אויס ליבע צו מענשען, א שנעל-לויפענדער טייך און פליסט אין דער ברייטער וועלט, כדי דער מענשהייט צו געבען איהרע וואסער.

גלייכצייטיג וועט אויך ווידערהאלט ווערען די פארשטעלונג פון קארטשאק'ס „קינדער-סיים". אין דער פארשטעלונג בעטייליגען זיך 80 קינדער.

פייערליכע שליסונג פון פריהלינגס-קערמאש אין יודישען גימנאזיום.

מארגען שבת פונקטליך 9 אווענד קומט פאר אין די זאלען פון יודישען גימנאזיום דאס פייערליכע שליסען פון פריהלינגס-קערמאש, וועלכער האט א גרויסערופען גרויס ענטציקונג ביי אלע בעזוכער מיט זיין אריגינעלען און הערליכען איינריכטונג.

מיט רעדעס וועלען אויך ארויסטרעטען די ה"ה מ. גויפעלד, פ. שפירא א. אנד.

דאן וועט פארקומען א גרויסע אינטערעסאנטע פערוויילונג ביז אינדערפריה.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט וועט אנטייל נעמען אין דער דאזיגער וויכטיגער שמחה.

קאווע אויפ'ן קערמאש.

א גרויסע אטראקציע רופט ארויס אויפ'ן פריהלינגס-קערמאש אין יודישען גימנאזיום דאס וואס מען טיילט קאווע אומזיסט.

די קאווע איז די אזוי גערופענע „מיעשאנקא-לוקסוסאווא" פון דער פירמע „סטעללא" אין וולאצלאוועק וועמענס פערטרעטער עס איז אין טשענסטאכאוו דער ה' עליאש פרידמאן.

די קאווע צייכענט זיך אויס מיט איהר פיינעם געשמאק און איז א זעהר געזונט געטראנק פאר קינדער ווי אויך פאר עלטערע.

די בעזוכער טרינקען גערן די קאווע און בעוואונדערן איהר פיינעם אראמאט. אויך ווערט גלייכצייטיג פערקויפט די פעקלעך קאווע און די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר דער קאסע פון קערמאש.

דער פירמע „סטעללא" אין וולאצלאוועק ווי אויך איהר פערטרעטער דעם ה' פרידמאן קומט פאר דער דאזיגער מתנה און גלייכצייטיג פאר דער אטראקציע א יישר כח.

פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג.

דינסטאג, דעם 8 ד. ח. איז פארגעקומען א זיצונג פון ועד פון „ברית-הצה"ר. ס'איז בעשלאסען געווארען פארטצוזעצען די דעקלאראציע-אקציע פון קרן תל חי ביי אונז אין שטאדט. גלייכצייטיג איז רעארגאניזירט געווארען די ועדה פון קרן תל-חי.

פון ספארט

באקס:

„מכבי" — „בריגאדא" 4:8

דער מעטש בריגאדא — מכבי הויבט זיך אן מיט געגענזייטיגע בעגריסונגען און פאטאגראפישע אויפנאמע.

פאריר-וואג: צוליב דעם וואס ווינדמאנ'ס געגנער פון „בריגאדא" האט זיך נישט געשטעלט צום קאמף בעקומט „מכבי" 2 פונקטען דורך וואלקאווער.

פאפיר-וואג: פרימוס (ב) — שילניצקי (מ). אין די ערשטע צוויי רונדעס האט שילניצקי אנ'איבערמאכט, אין דער לעצטער בעקומט ער אבער א שטארקען זעץ אין פנים און ליגט ביז 9 אויף די ברעטער. דער ריכטער ערקלערט פרימוס'ן אלס זיעגער.

האהן-וואג: כודי (ב)—זילבערבערג (מ) זילבערבערג דעמאנסטרירט א שעהנע טעכניק, דאפינגירט דורכ'ן פובליקום בעזיעגט ער זיין געגנער.

פעדער-וואג: קוראוועטשיק (ב)—כליוונער (מ). מיט'ן רעמי - רעזולטאט איז כליוונער שטארק בע'עולה'ט געווארען, ווייל ער האט געהאט א בעדייטענדע איבערמאכט.

לייכטע וואג: בערג (ב)—בינדער (מ). ביידע זענען די פאוואריטען פון זייערע קלובען און קעמפען שעהן. די ערשטע רונדע געהערט צו בינדער'ן, די צווייטע צו בערג'ן. אין דער דריטער רונדע האט בינדער אנ'איבערמאכט איבער זיין געגנער און דער ריכטער ערקלערט אלס זיעגער בינדער'ן, וואס רופט ארויס פראטעסט-שטימען מצד „בריגאדא'ס" אנהענגער.

אין דער האלב-לייכטער וואג קעמפען שיין (מ) — בעצלער (ב). דער קאמף איז ברוטאל און דער רעזולטאט—רעמי.

דער ענדגילטיגער רעזולטאט פון די קאמפען איז געווען 4:8 פאר מכבי.

ליבע זיגעלמאן, 30 יאהר אלט פון טשענסטאכאוו איז מיט 2 יאהר צוריק אוועק פון דער היים, נישט געבענדיג דורך דער צייט קיין שום ידיעה וועגן זיך. אלע, וואס ווייסען עפיס וועגן איהר ווערען געבעטען מודיע צו זיין דערפון איהר איינזאמער מוטער מלכה זיגעלמאן, נאדרזשעטשנא 88. אלע צייטונגען ווערען געבעטען די דאזיגע נאטיץ איבערצודריקען.

זאלען אלע וויסען, אז ביים בעקאנטען טאפעציר'ער יודל שנייער, אלעע 2 רוג נייער מארק.

איז ביליגער ווי איבעראל צ"ב
א פאר מאטראצען 55 זל.
א קאזעטקע 25 „
א טאפטשאן 55 „
גאראנטירטע ארבייט.
שנעל. רעיעל. סאליד.

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

PROSZKI «KOWALSKINA»

STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH BÓLACH GŁOWY

KONIECZNIE ZE ZNAKIEM „SERCE W PIERŚCIENIU"

A.K.

FABRYKA CHEM.-FARMAC. AP. KOWALSKI, WARSZAWA

Kino „EDEN"

פון שבת און ווייטער

גרויסער שפיאנען-פילם

BYŁEM SZPIEGIEM

היסטאריע פון בעריהמטען שפיאן נר. 33.

אנ'אמת'ע געשיכטע.

Kino „LUNA"

טראגעדיע פון א פרוי, וואס האט דערקענט צוויי סארטען ליעבע

BURZA O BRZASKU

דער מארד פון עסטרייכישען טראנפאלגער אין סעראיעוואָ, וועלכער האט ארויסגערופען די וועלט-מלחמה. — אין די הויפט-ראלען:

קעי פרענסיס און נילס אסטער

אויסער'ן פראגראם:

פאראמאונט און פאט - קראניק.

„ATLANTIC"

אגראדאווא 14.

אין משך פון זומער-סעזאן נור צוויי סעאנסען טעגליך 5 און 8.30 אווענד

Księżna Łowicka

מיט די בעסטע פוילישע ארטיסטען

MEKSYKANKA

קאנפליקט פון הייסע דרום-טעמפעראמענטען — און

Stalowa dłoń

מיט טאם מיקס און זיין פערד טאני.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6